# קרן הצלה אויסגעשריגן 'המלך' אויף דער גאנצער וועלט!

## ערשטע חלוקה אדירה פון שנת תשפ"ז אפגעהאלטן אויסטיילנדיג ווידעראמאל 5 מיליאן דאלער

בפרוס חג הסוכות פאר 276 מוסדות עטה"ק

**באזונדערע ספעציעלע חלוקה דרבנן:**

## קעש קארטלעך אויסגעטיילט לכבוד יו"ט פאר אלע 3,000 מרביצי תורה פון די ת"ת און ישיבות און פאר די 2,850 מחנכות פון די בתי חינוך עטה"ק ברחבי ארה"ק

## חלוקה פארגעקומען בלשכת בית דין הגדול שבירושלים, בראשות הרבנים הגאוה"צ בי דינא רבא שליט"א, וואו עס איז געווען א מחזה קידוש ה'

**אנגעהויבן דאס יאר מיט'ן רעכטן פוס ב"ה!**

**אנגעהויבן דאס יאר מיט'ן רעכטן פוס ב"ה!**

### נאכ'ן פארענדיגן דאס פארלאפענע יאר שנת תשפ"ו מיט'ן אויסטיילן קאלאסאלע $17,000,000 מיליאן דאלער; האט קרן הצלה אצינד אויסגעטיילט די ערשטע 5 מיליאן דאלער'דיגע חלוקה פון היי יאר תשפ"ז.

די יעצטיגע 'חלוקת חמש מיליאן' איז א ספעציעלע חידוש, ווען פאראיאר תשרי תשפ"ו ביים ערשטן חלוקה האט מען עספיעט אויפצוטרייבן און פארטיילן בלויז 2 מיליאן דאלער - שטייענדיג קורצליך נאכ'ן חלוקת חמש מיליאן פון 'חודש אב'. אבער היי יאר טראץ מען האט פארטיילט ב"ה 5 מיליאן בחודש אב, איז מען בס"ד מעלין בקידוש ה', און מען האט ב"ה באוויזן צו אויסטיילן אצינד גאנצע 5 מיליאן דאלער ביים ערשטן חלוקה פון חודש תשרי.

קרן הצלה האט באוויזן דאס פאקט, אז פארטיילן **5 מיליאן דאלער בחלוקה אחת** איז שוין א 'נארמע', נאכדעם וואס אין די לעצטע אנדערטהאלבן יאר איז שוין פארגעקומען 5 אזעלכע חלוקות חמש מיליאן.







**די ספעציעלע חלוקה דרבנן - קעש קארטלעך**

**אין א ספעציעלן פרישן איניציאטיוו צו מחזק זיין די טויזנטער מלמדי ומרביצי תורה פון די הונדערטער תלמודי תורה און ישיבות עטה"ק, האט קרן הצלה אצינד אויך אויסגעטיילט 'קעש קארטלעך' מיט סכומים הגונים פאר אלע 3,000 כלי קודש און פאר די 2,850 מחנכות פון די בתי חינוך, לאות הוקרה צו מוטיגן זייער עבודת הקודש במסירות נאמנה, אז זיי זאלן קענען איינקויפן רואיג די צרכי החג, בכבוד ובנחת.**

די מרביצי תורה פון די מוסדות עטה"ק וואס נאר אדאנק זייער איבערגעגעבנקייט שעושים מלאכתם באמונה קען מען ב"ה אויפהאדעווען אזא לעבטיגע לגיון של מלך פון חמשים אלף תשב"ר בטהרה, און די חיזוק ועידוד וואס די קארטלעך בלאזט אריין אין זיי גיבט זיי די כוחות ווייטער אנצוגיין במלאכם באמונה.



# קרן הצלה כשמו כן הוא! אפגעראטעוועט צענדליגער מוסדות פון אפשפארן חלילה, אדאנק די גרויסע חלוקות, פון שותפי קרן הצלה.

פאר כלל ישראל איז שוין ב"ה נישט אזא גרויסע חידוש אזא 'חלוקת חמש מיליאן'... ‖ אבער פאר די מנהלים וואס שלעפן די מוסדות אויף זייערע פלייצעס איז דאס יעדן מאל שוין איינמאל חידוש! ‖ עס ראטעוועט פשוט אפ זייער מוסד פון אונטערגאנג! ‖ עס ערמעגליכט זיי פשוט צו באצאלן די געהאלט! ‖ עס בלאזט אריין כוחות אין די מנהלים אנצוגיין ווייטער במסירות נפש! ‖ פילע חידושים פאסירן אין די מוסדות נאך יעדן חלוקה!...

# אומגלויבליכע חינוך הטהור וואוקס!

אזויפיל ווי **29** נייע מוסדות עטה"ק צוגעקומען היי יאר תשפ"ו צום לגיון חינוך הטהור, אויסברייטערנדיג די מוסדות-נעץ צו גאנצע **276** מוסדות עטה"ק בארה"ק!

ורוה"ק אומרת כן ירבה וכן יפרוץ!

# איבער 60 מסיבות קרן הצלה 'א קשר מיט'ן רבי'ן' פארגעקומען במשך פארלאפענעם יאר שנת תשפ"ז

**דורך ווארעמע אידן תלמידי רביה"ק זי"ע ברחבי תבל וועלכע האבן אנגעשלאסן נאך פילע שותפים אינעם לגיון של רבי**

### וויליאמסבורג

מוה"ר **אביגדור לאווי** הי"ו
מוה"ר **אהרן דייטש** הי"ו
מוה"ר **אהרן יושע גליק** הי"ו
מוה"ר **אנשיל כ"ץ** הי"ו
מוה"ר **ברוך יודא יואל פריעדמאן** הי"ו
מוה"ר **הערשל אראן** הי"ו
מוה"ר **וואלף ברוך וועבערמאן** הי"ו
מוה"ר **זלמן לייב וואלדמאן** הי"ו
מוה"ר **חנני' מארקאוויטש** הי"ו
מוה"ר **יואל בערקאוויטש** הי"ו
מוה"ר **יואל וויינשטאק** הי"ו
מוה"ר **יואל ווייס** הי"ו
מוה"ר **יואל כ"ץ** הי"ו
מוה"ר **יודא אלי גרין** הי"ו
מוה"ר **יודא געלבשטיין** הי"ו
מוה"ר **יודא יאקאבאוויטש** הי"ו
מוה"ר **יושע טעללער** הי"ו
מוה"ר **יעקב אליעזר האללענדער** הי"ו
מוה"ר **יעקב הלוי ווערצבערגער** הי"ו
מוה"ר **לייב מעכיל גראס** הי"ו
מוה"ר **מרדכי האלענדער** הי"ו
מוה"ר **משה שווארטץ** הי"ו
מוה"ר **שאול גרינפעלד** הי"ו
מוה"ר **שלמה געלבשטיין** הי"ו
מוה"ר **שלמה יאקאבאוויטש** הי"ו
מוה"ר **שמואל דוד אקערמאן** הי"ו

### בארא פארק

מוה"ר **בנימין שווימער** הי"ו
ומוה"ר **מענדל שווימער** הי"ו
מוה"ר **יואל הערשקאוויטש** הי"ו
מוה"ר **יואל שיפף** הי"ו
מוה"ר **מרדכי דוד פערלמוטער** הי"ו
מוה"ר **פנחס יואל פריינד** הי"ו
מוה"ר **שמואל ברילל** הי"ו
מוה"ר **שמואל ישעי' גראס** הי"ו

### קרית יואל

מוה"ר **אברהם חיים שימאנאוויטש** הי"ו
מוה"ר **אפרים ראזענפעלד** הי"ו
מוה"ר **בערל וויטריאל** הי"ו
מוה"ר **יואל פערענץ** הי"ו
מוה"ר **יחזקאל בראווער** הי"ו
מוה"ר **משה יקותיאל שווארטץ** הי"ו
מוה"ר **משה קרויס** הי"ו
מוה"ר **נפתלי הירצקא גראס** הי"ו
מוה"ר **שמואל שלמה קויפמאן** הי"ו

### מאנסי

מוה"ר **אברהם ברוך גרינפעלד** הי"ו
מוה"ר **חיים בצלאל טויב** הי"ו

### לינדען

מוה"ר **אהרן דניאל צימענד** הי"ו

### לעיקוואוד

מוה"ר **יואל ווייס** הי"ו
מוה"ר **יעקב הערש טייטלבוים** הי"ו

### דזשערזי סיטי

מוה"ר **יואל יצחק טירנויער** הי"ו

### קאנטרי

מוה"ר **יואל וויינשטאק** הי"ו
הרב **חנני' שניטצלער** שליט"א
מוה"ר **יוסף אשר לעפקאוויטש** הי"ו
מוה"ר **יעקב פרץ בלווישטיין** הי"ו
מוה"ר **לייבוש מענדלאוויטש** הי"ו

### מאנטריאל

מוה"ר **אברהם מאיר ווערצבערגער** הי"ו
מוה"ר **אליקים געציל פאדוווא** הי"ו
מוה"ר **אשר יונה האס** הי"ו

מוה"ר **חיים הערש פאזען** הי"ו
מוה"ר **משה פריעדמאן** הי"ו

### לאנדאן

מוה"ר **יצחק משה קארנבלי** הי"ו
ומוה"ר **געציל בערגער** הי"ו
מוה"ר **מאטיל וויינבערגער** הי"ו
ומוה"ר **ישראל יעקב פרענקל** הי"ו
מוה"ר **יואל לאנגבערג** הי"ו
ומוה"ר **מנשה לייב גלאנץ** הי"ו
מוה"ר **יצחק מנחם פריעדמאן** הי"ו
ומוה"ר **ליפא ווייס** הי"ו
מוה"ר **הערשל שרייבער** הי"ו
ומוה"ר ר' **משה שרייבער** הי"ו
מוה"ר **אליעזר לעוו וחתניו** הי"ו
מוה"ר **עקיבא גרינהויט** הי"ו




# הערליכע ניי-ערצייגטע לוח לשנת תשפ"ז פון קרן הצלה

## ארויסגעשיקט לאות הוקרה פאר אלע אלפי שותפי ותומכי קרן הצלה

געשמאק און פראקטיש פאר יעדן אידישע שטוב. בייגעלייגט מיט'ן 'פנקס לגיון שותפים ותומכים' קרן הצלה, און די נעמען פון אלע וואס האבן א 'קרן קיימת' אין מפעל יזכור.

הַיּוֹם הַזֶּה יוֹם בְּשׂוֹרָה הוּא - וְיִכָּנְסוּ עִמָּנוּ לְבָתֵּינוּ לְחַיִּים וּלְשָׁלוֹם:

# אנ"ש פאָלגן נאָך געשפּאַנט שטויגנענדע פאָרשריט אין נייער ישוב "סאַטמאַר טבריה"

## אַרום הונדערט אנ"ש תושבי ארה"ק גרייטן זיך אַריינצוציען אין די נייע הייזער בעפאָר פסח תשפ"ז הבעל"ט!

**פולקאָמע נייער ישוב בתוך ישוב, "סאַטמאַר בתפארתה" אין טבריה, רוקט זיך מיט אומגלויבליכן ריטעם, מיט'ן צוענדיגן לעצטע איינריכטונגען פון ערשטע פאַזע דירות**



טִהֵר אֶת עִיר טְבֶרְיָה:

**הייליגער שטאט טבריה, אָנגעפולט מיט קדושי ארץ, מאַכט גרייט איר הייליגער באָדן צו אָנטפּאַנגען סאַטמאַרער אינגעלייט מיט'ן שטאָלצן טהרת הקודש וואָס וועט פלאַטערן מיט שטאָלץ אין צענטער פון גליל**



צענטראַלן ריזן שטח פאר מאַיעסטעטישער בנין אדיר

## ביהמ"ד הגדול דקהל יטב לב - מוסדות יטב לב - טבריה

**וועט אַריינקומען אונטער'ן פולסטן בעלות בקרב הימים בעז"ה**

וַכְּבָאָה חוּלְקִידוּן דִּישְׂרָאֵל:

## טפסרים ונדיבים בעם כאַפּן אַריין זכותים אדירים ונצחיים

**צו העלפן אויפבויען אַ נייער סאַטמאַרער צענטער מיט'ן רוחניות'דיגער סטרוקטור לג' עמודי עולם**

קדושה ראשונה, קידשה לשעתה, וקידשה לעתיד לבוא:

# איינדרוקספולער מעמד קביעת השם "כיכר קדושת ירושלים", מלפנים בר אילן, אוועקצושטעלן דעם שטאנדהאפטיגן קול מחאה לדורות עולם

שטייענדיג אינעם לאנג-פארצויגענעם קאמף אויף 'קדושת ירושלים', מיט'ן מוחה זיין קעגן דאס אריבערפירן דעם באן אין דער היימישער געגנט פון רחוב בר אילן, נאך א לאנגע זעקס-יעריגע מחאה וואס האט שוין געקאסט בלוט, געלט און צייט, און נאך אזא לאנגע צייט פון קונה זיין דאס פלאץ מיט שינוי מעשה... ושינוי רשות... איז שוין געקומען די העכסטע צייט צו קונה זיין בשינוי השם... צו אויסרופן און אוועקשטעלן: דא איז דאס פלאץ וואו מען שלאגט זיך פאר קדושת עיר הקודש ירושלים! ירושלים האט נישט קיין געמישטע שווים באסיין, קיין מועדון, קיין אצטדיון, און אויך נישט קיין רכבת הקלה.

די עסקנים האבן פון פאראויס באשטעלט פראפעסיאנעלע טאוולעך מיט'ן זעלבן אויסזען און קאליר ווי די געווענליכע גאסן-טאוולעך אין ארץ ישראל, געשריבן אויף די דריי שפראכן: לשון הקודש, ענגליש און אראביש, מיט די דריי ווערטער "כיכר קדושת ירושלים".

פרקי תהלים איז געזאגט געווארן דורך הרה"ג ר' נפתלי ראטשילד שליט"א, און עס זענען געהערט געווארן די ווערטער פונעם יו"ר הר"ר יעקב קלאר שליט"א, א דרשה פון הרה"ג ר' ישראל אייזנבלאט שליט"א, א דרשה פון הרה"ג ר' אהרן ראבינאוויטש שליט"א (בנו של הגה"צ המקובל ר' גמליאל שליט"א), סליחות ע"י הרה"ג ר' צבי ראבינאוויטש שליט"א (בנו של כ"ק האדמו"ר ממשכנות הרועים שליט"א), און קבלת עול מלכות שמים ע"י הרה"ג ר' יעקב דאווידאוויטש שליט"א.

דערנאך איז מען צוגעטרעטן צום מעמד קביעת השם, ווען אויף הויכע זיילן האט מען אויפגעהאנגען די טאוולעך מיט'ן נייעם נאמען.

דער מעמד איז פארגעקומען מאנטאג, און ביז מיטוואך האט מען גארנישט געהערט. ערשט מיטוואך האט די פאליציי זיך דערמאנט אראפצורייסן די נייע שילדן, אבער עס וועט זיי גארנישט העלפן. דער נאמען בלייבט, די מחאה בלייבט, און דער עיקר - 'קדושת ירושלים' בלייבט!








## טעגליכער איבערבליק
### איבער דעם שטורמישן מצב אין ארה"ק

### מאנטאג האזינו א'

די חשוב'ע עסקנים מטעם 'קרן ויואל משה - הצלה מגיוס' ערשיינען אין ישיבת חב"ד אין קרית גת, וואו הר"ר דוד גראס שליט"א פון 'יד להושיע' טרעט אויף מיט א לענגערע, דעטאלירטע דרשת הסברה וויאזוי נישט אריינצופאלן בפח יקוש פונעם מיליטער.

איינע פון די מיליטערישע פאסטקעס איז א געוויסער פארום "תלמיד לתלמיד", וואס קוקט אויס אומשולדיג, אבער אין די ענדע פאלט מען ח"ו אריין אין מיליטער ה"י.

צום באמערקן, די ישיבת חב"ד אין קרית גת איז געשטאנען אונטער דעם "הסכם חב"ד". הסכם חב"ד איז א שוידערליכער אפמאך וואס געוויסע מופקרים אין חב"ד, גייסים, האבן אויסגעארבעט מיט'ן מיליטער, אז מען גייט ארויסלאזן די ליובאוויטשער בחורים פון לאנד צו גיין קיין אמעריקע לערנען פאר עטליכע יאר אין די הויפטקווארטירן אין קראונהייטס, אבער אין אויסטויש וועט מען דערנאך מוזן גיין אין מיליטער - א זאך וואס ווערט פארהוילן און נישט געהעריג געמאלדן פאר די בחורים וואס שרייבן אונטער. ב"ה אז אצינד רופט מען די עסקנים צו ראטעווען די בחורים, און טאקע אין



דער ישיבה האבן פילע בחורים איבערגעגעבן פאר די עסקנים וויאזוי זיי באקומען ממש לחץ פון די אייגענע עלטערן, און מען האט בס"ד אויסגעארבעט וויאזוי צו קענען בארואיגן די משפחות.

■

שטייענדיג לקראת די יערליכע מגבית 'כופר נפש' לטובת 'אתרא קדישא', האט מען ווידעראמאל געהערט פון א פרואוו אויסצוגראבן ח"ו א בית הקברות אין דער שטאט שדרות אין דרום א"י. חשוב'ע אינגעלייט, מוסרי נפש, זענען תיכף אהינגעלאפן; מען איז געקומען צופארן פון ירושלים, בית שמש און קרית ספר, און ב"ה באוויזן אפצושטעלן די ארבעט אויפן פלאץ. עס זענען געווען צוויי ארעסטירטע אויפן ארט, וואס זענען דערנאך באפרייט געווארן דורכן ועד אסירי ציון.

צו דער זעלבער צייט קומען פאר הונדערטער בוי-פראעקטן איבערן גאנצן לאנד לארכה ולרחבה, ווי אויך לענגאויס אייראפע, וואו קברי ישראל ווערן אפגעהיטן בכבוד הראוי תחת פיקוח אתרא קדישא, וואס שטייט שוין 70 יאר על משמר קברי ישראל. ויושר יליצו בעדינו, חיות אש, עשה למען אוהביך שוכני עפר.

■

תפיסה נומ' 10 איז ממש איבערגעפילט פון די נאכאנאנדע ארעסטן ביים לוד לופטפעלד פון בחורים וואס ווילן פארלאזן דאס לאנד אויף ראש השנה. רוב דערפון זענען ברסלב'ער בחורים וואס ווילן פארן קיין אומאן, און ווי שוין באריכטעט פאריגע וואך, איז די וואַך אויפן וועג ארויס גאר שטרענג. אין דער תפיסה איז ממש נישטא קיין פלאץ, אזוי ווייט אז אין די "בידוד" קאמערלעך, וואו געווענליך גייען אריין צוויי בחורים, שטופט מען אריין דריי בחורים בצמצום ובדוחק. צו דער זעלבער צייט קומען אן פולע ווענדונגען פאר הילף דורך די חשוב'ע בחורים צו די אפיסעס פון 'קרן ויואל משה', וואס גיבט זיך אפ מיט אלע קעיסעס במשך דעם גאנצן יאר.

■

קודקוד/מעלות צור גייען אן מיט זייער מיסיאנערישער פראפאגאנדע. אונטער א קעפל "בטל מעלינו כל גזירות קשות", פארשפרייטן זיי א מעלדונג וואס לייענט זיך: "האט איר א צו עיכוב יציאה און איר קענט נישט פארלאזן דאס לאנד? קומט אריין חתמ'ענען אויף קודקוד/מעלות צור,

וועט איר רואיג קענען ארויסגיין פון לאנד". זיי נוצן אויס די צייט פון יאר צו ארייננארן נאך נשמות צום מיליטער ח"ו.

■

## דינסטאג האזינו א'

א מחאה איז פארגעקומען אין דער שטאט בני ברק דורך 'איגוד החסידים' קעגן דעם נייעם א.ג. סופרות-צענטער, וואו מען שרייבט סת"ם אין די ראמען פון דינען אין קודקוד/מעלות צור ה"י. די מוחים האבן פארשריגן די פרצה הנוראה פון דינען אין מיליטער אונטער א מסווה פון ספרי תורה, תפילין און מזוזות.

■

אין די טעג בעפאר ראש השנה איז פארגעקומען א שוידערליכע צוזאמענקום פון רעליגיעזע סאלדאטן וואס דינען אין 'מעלות צור', ווען אלע באטייליגטע גייען מיט קאפלעך און טייל גאר מיט שיינע לאנגע פאות און וואלענע ציצית.

דער מעמד איז געווען א 'זכרון להולכים' פאר איינע פון די מייסדים פון 'מעלות צור'. כדי עס זאל נישט פארקומען קיין מחאות, איז דער מעמד געהאלטן געווארן בסוד סודות, אבער בדרך לא דרך האט איינער פון די איינגעלאדנטע זיך ארויסגעכאפט צו א היימישן יונגערמאן, צולייגנדיג "זאג נישט ווייטער", און יענער האט בלויז איבערגעלאזט א מעסעדזש אויף 'קול זעקה'...

די פאליציי ארום דעם האטעל האט גאר שטארק אכטונג געגעבן אויף סיי וועלכע חרדיש-אויסזעענדע מענטשן, ובפרט די קנאים, אז מען זאל זיך נישט קענען דערנענטערן. אבער טראץ דעם האט מען אויסגעשריגן דעם קול מחאה א לענגערע צייט, און עס זענען געווען ארעסטירטע אויפ'ן ארט, וועמען דער 'ועד אסירי ציון' האט ב"ה באוויזן צו באפרייען.

■

## מיטוואך האזינו א'

"כלא 1000" - דער מעכטיגער אנשלוס אינעם 'כלא 1000' קאמפיין ווערט שטערקער און גרעסער, ווען אזויפיל ווי קרוב צו 5,000 מעמבערס זענען שוין אנגעשלאסן דערינען, און די ליסטע גייט נאר ארויף. אלע איינגעשריבענע זענען בארעכטיגט צו באקומען 1,000 שקל פאר יעדע נאכט וואס מען זיצט אין דער מיליטערישער תפיסה.

אזוי אויך קען מען זיך מתנדב זיין צו צאלן דעם פרייז אפילו אויב דער ארעסטירטער איז נישט געווען איינגעשריבן צו זיין פון די נדבנים. און צום איבערראשונג פון די עסקנים, האבן גאר אסאך אויסגעוועלט דעם אופן צו געבן אפילו ווען דער ארעסטירטער איז נישט קיין מעמבער.

דער סכום אנגעשלאסענע גייט כסדר ארויף, און די סיסטעם איז אוועקגעשטעלט גאר פראפעסיאנאל אז מען דארף נישט צאלן מער ווי דרייסיג שקל א חודש כדי עס זאל קענען אנהאלטן. דער חיזוק און די רואיגקייט וואס דאס גיט פאר אלע בחורים, צו קענען איבערשלאפן די נאכט רואיג, איז אומבאשרייבליך, ווען מען ווייסט אז אפילו אין פאל וואס 'צבע שחור' וועט נישט מצליח זיין, וועט 'כלא 1000' איבערנעמען די לייצעס...

כי בשמחה תצאו!

# גרויס פרייד ווען מוסר הנפש הב' אברהם יצחק קאהן נ"י ווערט באפרייט פון תפיסה נאך קרוב צו דריי חדשים

### נאך שווערע ארבעט פון 'ועד אסירי ציון' במשך די גאנצע צייט ביז זיין באפרייאונג בס"ד

### דינסטאג נצו"י איז פארגעקומען א הפגנה אדירה בחוצות ירושלים למען שחרורו

הב' אברהם יצחק בן ברכה בריינדל קאהן, וועלכער קומט אריגינעל פון באלטימאר, איז ארעסטירט געווארן ביי א הפגנה אין כיכר קדושת ירושלים (מלפנים רחוב בר אילן), ביי די מחאות קעגן דעם באן. די פאליציי, זוכנדיג א קרבן ציבור, האבן זיך אנגעטשעפעט אין אים מיט עלילות שפלות און אים געהאלטן אין תפיסה פאר דריי גאנצע חדשים אן קיין בעיל.

דער 'ועד אסירי ציון' האט גאר שווער געארבעט פאר זיין באפרייאונג, און כסדר מחזק געווען אים און זיין משפחה אין באלטימאר דורכאויס די שווערע צייט, מיט'ן ארייננשיקן מתנות און שטיצע וואס האט שטארק ארויסגעהאלפן די משפחה.

לאור זיין ערווארטעטן פסק איז מען ארויס דעם פארלאפענעם דינסטאג נצו"י בחוצות ירושלים, מיט דער באטייליגונג פון גאר חשוב'ע רבנים, ובתוכם כ"ק הגה"ק פאה"ד ר' יעקב מאיר שעכטער שליט"א, כ"ק אדמו"ר ממשכנות הרועים שליט"א, מרן ראש הישיבה ר' יהושע דוד טורטשין שליט"א מנהיג קהילת הפרושים, הגאון הגדול ר' יודל פישער שליט"א חבר הבד"ץ, הגאון הגדול רבי שלמה יהודה הירש שליט"א חבר הבד"ץ, הגאון הגדול ר"י בריסק שליט"א (בנו של מרן ר' משולם דוד סאלאווייטשיק זצ"ל), הרה"ג ר' משה טייטלבוים שליט"א דומ"ץ בסאטמאר, הרה"ג רבי שלמה מינצבערג שליט"א, הרה"ג רבי מנחם בצלאל זעגלבוים שליט"א, און הרה"ג רבי מרדכי האלצמאן שליט"א.

ביי דער הפגנה זענען דריי מוחים ארעסטירט געווארן און זענען שפעטער באפרייט געווארן דורכן ועד אסירי ציון.

דער פראטעסט האט איבערגעלאזט א געוואלדיגן רושם, און לקראת ראש השנה - דער זמן ווען יוסף הצדיק איז באפרייט געווארן פון תפיסה - איז דער בחור ארויס צום פרייד פון זיינע חברים און בני משפחה. די איצטיגע באפרייאונג איז באגרעניצט צו הויז-ארעסט, און מען איז מתפלל שיצא במהרה בשחרור לגמרי בתוך שאר אסירי ישראל.














■

## דאנערשטאג האזינו א'

א רוף פון 'החוטפים הגיעו' (א צווייטע טעל. סיסטעם אזוי ווי 'צבע שחור') קומט אן איבער א בחור וואס מען וויל ארעסטירן. א ציבור פארזאמלט זיך אויפ'ן ארט, און די פאליציי לאזן דעם בחור פריי, ב"ה.

■

## ערב ראש השנה תשפ"ז

'קרן ויואל משה - הצלה מגיוס' האבן גאר שווער געארבעט ארייננצושיקן די יו"ט געברויכן

# 116 בחורים ארעסטירט אין די טעג ארום ראש השנה ביים פרובירן ארויסצופארן פון ארץ ישראל

**נאך גרויס מי און פלאג פון עסקנים, זענען 34 בחורים באפרייט געווארן אויף יו"ט, און עס זענען געבליבן אין תפיסה 82 בחורים**




ווי שוין באריכטעט, האבן די מדינה אינסטאנצן אוועקגעשטעלט גאר שטרענגע מאסנאמען ביים גרעניץ אז מען זאל נישט קענען פארלאזן דאס לאנד, וואס דאס האט געפירט צו מאסן ארעסטן, ווען אין פילע פעלער האבן זיי זיך ממש אנגעטשעפעט אויף מינדערוויכטיגע דעטאלן.

איין פאל האט פאסירטביי א חשוב'ן יונגערמאן, מחסידי באבוב, וואס האט געוואלט פארן אויף ראש השנה קיין אמעריקע. ער פארמאגט אן אמעריקאנער בירגערשאפט און האט גאר גענוצט זיין אמעריקאנער פאספארט! אבער מען האט אים אויפגעהאלטן פאר איבער פינף לאנגע שעות, און צום סוף אים געגעבן צען טעג אין תפיסה, ה"י!

דער מצב אין תפיסה איז ממש נישט צום אויסהאלטן פאר די ארטיגע אינסטאנצן, ווען די תפיסה ווערט איבערגעפילט מיט בחורים אנגעשטעקט מיט 'רייזע פיבער', ווען א רובא דמינכר גייען אין בידוד.

עס איז צום באמערקן אז אין דער זעלבער צייט זענען 60 אלטע ארעסטאנטן באפרייט געווארן פון 'כלא 10', וואס אינאיינעם מיט די 116 בחורים קומט דאס אויס צו 180 ארעסטירטע אין ממש איין וואך.

אידן איבער דער גאנצער וועלט נוצן אויס די טעג פון ראש השנה, עשרת ימי תשובה, און יום הקדוש, איינצורייסן בתפילה ובתחנונים אז די אלע גזירות זאלן שוין בטל ווערן, "כלה דבר וחרב ושמד מבני בריתך".

מיט שופרות פאר די פילע אסירים אין אלע אפטיילונגען. ב"ה אז מ'האט באוויזן צו דערגרייכן יעדן איינעם, און אלע אסירים האבן געקענט אפרעכטן דעם יו"ט ראש השנה אין תפיסה, וואו זיי שמאכטן למען כבוד שמו יתברך. אבינו מלכנו, עשה למען אסורים על שם קדשך.



## צום גדלי'

מוצאי ראש השנה, אום 12:00 אויפדערנאכט, איז אנגעקומען א קלינג פון 'צבע שחור'. דער ציבור איז אהינגעלאפן, און די פאליציי האט פרייגעלאזט דעם בחור.

■

"ווידערשטאנד" - א גרויסארטיגע קאמפיין דורך די טויזנטער בחורי חמד אינערהאלב די סאטמארער ישיבות איבער גרעיטער ניו יארק קומט פאר אין די ימי בין הזמנים, לטובת דעם ריזן אפאראט פון 'קרן ויואל משה - הצלה מגיוס', וואו די חשוב'ע בחורים נעמען א טייל אין די מלחמת ה' בעמלק, וחלק כחלק יאכלו מיט די בחורים אין ארץ ישראל וואס שטייען מיט מסירות נפש ממש נישט אריינצופאלן בצבא השמד, ותשובה ותפלה 'וצדקה' מעבירין את רוע 'הגזירה'.




■

'אחים אנחנו' האט אינזין געהאט די אלע ברעסלאווער בחורים וואס האבן באוויזן ארויסצופארן פון לאנד קיין אומאן אויף ראש השנה, און אהינגעשיקט הויפענעס מאטעריאל צו וויסן וואס מען דארף טון כדי נישט ארעסטירט צו ווערן אויפ'ן וועג צוריק. אזוי אויך אינעם ארטיגן צענטראלן בית המדרש "דער קלויז" האט מען געהאט א לויער צוגעשטעלט דורך 'להוציא ממסגר' שע"י 'ועד אסירי ציון' וואס מ'האט זיך געקענט ווענדן צו אים צו וויסן את המעשה אשר יעשון.

■

א קול קורא, געחתמ'עט דורך פילע רבנים ואדמורי"ם שליט"א פון אלערליי קהילות אקעגן 'קדקוד/מעלות צור', איז ערשינען, וואו זיי שרייבן איבער דעם איסור חמור פון אהינגיין ארבעטן, נאכדעם וואס עס זענען מפורסם געווארן די שוידערליכע רעזולטאטן פון אהינגיין 'ארבעטן'...

אבער צו דער זעלבער צייט איז ערשינען פונעם א.ג. "ביד"צ מחזיקי הדת בעלזא" א מכתב אקעגן 'קדקוד/מעלות צור', וואו זיי זענען מדגיש דעם איסור פון גיין ארבעטן "דוקא ווען עס איז נישט אונטער די סמכות פון א רב". דאס קומט וויבאלד פון זייער קהלה זענען ליידער דא אסאך יונגעלייט אין 'קדקוד', וואו עס איז יא דא אן א.ג. הכשר וסמכות פון א.ג. רבנים! זאל השי"ת העלפן אז אלע זאלן זיך אפשאקלען פון די געפארפולע ארבעטס ערטער - די שמד צענטערן. וישקף ה' וירא בעני עמי.

בס"ד אלול תשפ"ו

### ברוך אלקינו שבראנו לכבודו וחיי עולם נטע בתוכנו

כאשר קמו עלינו השלטונות לעקור את לומדי התורה מבית המדרש. וכבר השליכו לבית האסורים מטובי האברכים והבחורים, ומאיימים במעצרים ובסנקציות על השאר כדי לגרום להם לעזוב את תורתנו הקדושה שהיא מקור חיותנו, לכן באנו לאמץ ולחזק ידי לומדי התורה הקדושה כי רק הם מקיימים את העולם, והם המגינים על כלל ישראל ועל הישוב היהודי בארץ הקודש, והם היסוד לקיומו של עם ישראל.

בכל הדורות ובכל הזמנים ותחת כל השלטונות מסרו יהודים נפשם ללמוד תורה ולצעוד בדרך היראה, והננו מכריזים קבל עם ועדה שבעז"ה גם בדורנו אנו נמשיך ללמוד תורה במסירות נפש למרות כל הרדיפות והסנקציות שיוטלו עלינו ולא ימושו דברי התורה מפינו ומפי זרענו מעתה ועד עולם.

והנה בעת האחרונה נפתחו ע"י גורמים שונים מסלולים צבאיים על מנת לגייס מבני היהדות הנאמנה במסווה שחיילים מפלוגות אלו ילכו ללא בגדי הצבא

**על כן הננו קוראים ומורים לכל האברכים והבחורים שיחי' כי מעתה ואילך אין ללכת גם לכל אותם מסגרות מיוחדות לחרדים ללא יוצא מן הכלל, אשר הצד השוה שבהם הוא הרצון לשנות את המהות והרוח של הציבור החרדי, ולכן חובה על כל אחד להמנע ממקומות אלו, וק"ו בתקופה זו אשר השלטונות ובראשם הצבא נעמדו בראש עוקרי התורה ושמו למטרה לקעקע את בני היהדות הנאמנה ועולם התורה.**

**ואנו קוראים לבני הציבור החרדי "אל תלכו בדרך אתם מנעו רגליכם מנתיבתם", עלינו להתחזק בקבלת עול מלכות שמים, קבלת עול תורה, וחיזוק גדרי הקדושה, ולקיים מאמר הכתוב "צאי לך בעקבי הצאן" וללכת בדרך התורה ללא שום שינוי, רק בדרך המסורה לנו מדור דור.**

# הגאון האדיר רבי מלכיאל קאטלער שליט"א ר"י לעיקוואוד איז משמיע זעלטענע דיבורים איבער די וויכטיגקייט פון מוסד הק' "קרן הצלה"

## "היינט זעט שוין יעדער איין אז נאר דאס איז דער דרך האמת"

די ווארעמקייט פאר קרן הצלה בליעט אויף אין די לעצטיגע תקופה אין שטאט לעיוקאוד. בראש וראשון איז פארגעקומען א מסיבה נהדרה אין שטוב פון הר"ר יואל ווייס שליט"א, א זון פונעם חבר הנהלת קרן הצלה אין לאנדאן מוה"ר ליפא שליט"א, וואו פילע תושבי לעיקוואוד זענען געווארן פולשטענדיגע שותפים נאמנים, צו דערהאלטן דעם לגיון חינוך הטהור בארה"ק.

ותהום כל העיר, זעענדיג ווי די אש קודש פאר'ן חינוך הטהור גרייכט די שטאט לעיקוואוד, ווען אזויפיל אידן ברענען צו מאכן א קשר מיט מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע, און שליסן זיך אן מיט אזא שטוינענדע ווארעמקייט.

ווידער דעם פארלאפענעם מאנטאג ב' סליחות איז אפגעראכטן געווארן נאך א מסיבה אין שטוב פון הרה"ג ר' יעקב הערש טייטלבוים שליט"א מרביץ תורה לעדרים, וואו א שיינע ציבור תושבי לעיקוואוד האבן זיך פארזאמלט און זיך אנגעשלאסן אלס קביעות'דיגע שותפי קרן הצלה.

די מסיבה איז פארגעקומען מיט די באשיינונג פון רבנים און דיינים שליט"א פונעם שטאט וואס האבן זיך באטייליגט מיט הערצה צו מחזק זיין דעם הייליגן מוסד קרן הצלה און אירע חלוקות אדירות.

ס'איז געווען א גרויס כבוד צו ענטפאנגען דעם חשוב'ן ראש ישיבה הגאון האדיר רבי מלכיאל קאטלער שליט"א, וואס האט זיך אנגעשטרענגט צו באטייליגן ביים מסיבה, אויסדרוקנדיג זיין גרויסע שמחה און פרייד צו זען אז אין לעיקוואוד קומען פאר אזעלכע הייליגע מסיבות.

דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אויסגעדרוקט מיט גאר שטארקע ווערטער, איבער דעם וויכטיגקייט פון קרן הצלה צו ראטעווען דעם עתיד הדורות.

די שטארקע ווערטער האבן געמאכט א גרויסן רושם אויף די פארזאמלטע, הערנדיג אזעלכע אויפריכטיגע דיבורים פונעם גרויסן ראש ישיבה שליט"א. דער עולם האט זיך דערנאך אנגעשלאסן אלס קביעות'דיגע שותפים ותומכים נכבדים, צו ממשיך זיין די עתיד הדורות בארה"ק.

### תוכן דבריו פון הגאון ראש ישיבת לעיקוואוד שליט"א

דער ר"י האט ארויסגעברענגט אז קרן הצלה איז א מורא'דיגע זאך, און דאס שפאנט אין די אויסגעטרעטענעם וועג פון די פריערדיגע גדולי ישראל והרה"ק מסאטמאר זי"ע וואס האבן שוין דעמאלט פארשטאנען אז נאר מיט א חינוך הטהור קען מען מחנך זיין די דורות.

דער ר"י האט זיך אויסגעדריקט, אז היינט זעט שוין יעדער איין אז נאר דאס איז די וועג, מ'קען נישט אנגיין מיט די תמיכה פון די רשעים, יעדער זעט שוין אז ס'נישטא קיין ברירה, און נאך פילע שליסן זיך אן צו ווערן פולשטענדיג על טהרת הקודש, און אנדערע מאכן שוין אויך נאך די מהלך פון אזא קרן הצלה קאסע, וואס דאס איז די איינציגסטע רעטונג פאר די מוסדות הקדושים און די חינוך הדורות.







# פראדוקטיווע זיצונג פארגעקומען דורך עסקני "קרן ויואל משה" אינאיינעם מיט הרבני הנגיד מוה"ר יואל לאנדא הי"ו

שטייענדיג עטליכע וואכן נאך דער מעלדונג פון הרבני הנגיד ר' יואל לאנדא הי"ו איבערן גרינדונג פון א קרן וואס וועט אויסהאלטן די קאסטן פון דער ניי-געגרינדעטער ארגאניזאציע "וצדקינו במשפט", וואס וועט זיך אפגעבן מיט לעגאלע קלאגעס אנטקעגן די שרעקליכע רדיפת הדת אין ארה"ק, האט הרבני הנגיד ר' יואל לאנדא אפגעהאלטן א זיצונג אינאיינעם מיט די ראשי העסקנים פון קרן ויואל משה. די עסקנים זענען שוין די לעצטערע יארן אינסטרומענטאל פארטון אין עטליכע געריכטליכע קאמפן אפצושלאגן די גזירה בכלליות ובפרטיות, און האבן שוין



אין דער פארגאנגענהייט געברענגט גרויסע געווינסן פארן יהדות החרדית.

צווישן די באטייליגטע האט זיך אנגעזען העסקן הנודע לכל קדשי ישראל הרב עמרם טייטלבוים שליט"א, מראשי עסקני 'מרכז הצלה' שע"י 'קרן ויואל משה', וועלכער האט איבערגעגעבן זיין ברייטע עקספערטיז אין דעם פעלד. עס איז צום האפן אז אין די נאנטע וואכן וועלן זיך שוין אנזען די ערשטע קערענדליך פון דעם ברייטן פראיעקט, וואס וועט האבן א שטארקע השפעה מיד ולדורות.

משמרת חומותינו

בצאת השנה תשפ"ו:

# אשרי העם שככה לו אשרי העם שה' אלוקיו

## פאלגנד איז א סיכום פון די פעולות חובקות עולם אינערהאלב די הויפטקוואטירן פונעם "ועד אסירי ציון" דורכאויס דעם פארלאפענעם יאר העעל"ט:

### שנת תשפ"ו אין די הויפטקוואטירן פונעם "ועד אסירי ציון":

**375** ארעסטירטע מוסרי נפש ביי פארשידענע מערכות הקודש זענען באגלייט און באהאנדלט געווארן דורכן ועד.

### אין די פאלגנדע שטעט ברחבי ארה"ק:

ירושלים, בית שמש, בני ברק, מירון, טבריה, צפת, קוממיות, אלון שבות, מודיעין עילית, תל אביב, זכרון יעקב, שדרות, אשדוד, תל תאומים, רכסים, אופקים, חשמונאים, פרדס חנה, און נאך.

### די נומערן צעטיילט לויט די מערכות הקודש:

**195 אינעם קאמף קעגן גזירת הגיוס.**

**63** ביי די היסטארישע הפגנה קעגן די שטוב פונעם שופט **סאלבערג** שר"י.

**32** אינעם קאמף קעגן די **פריצות-באן** אין ירושלים.

**33** אינעם קאמף קעגן **חילולי שבת** ברחבי ארה"ק.

**20** אינעם קאמף קעגן **ניוול המת** און **ניתוחי מתים.**

**7** אינעם קאמף קעגן **חיטוטי שכבי** אין די שטעט תל תאומים און שדרות.

**3** אינעם קאמף למען **קדושת ציון הרשב"י** באתרא קדישא מירון.

**22** ארעסטירטע ביי פארשידענע **אנדערע** מערכות הקודש.

### "להוציא ממסגר" שע"י ועד אסירי ציון

פאלגנד איז די ליסטע פון ארעסטירטע וואס זענען פארטראטן געווארן דורך די ספעציעלע מיליטערישע אפטיילונג וואס דער ועד האט געעפנט אונטערן נאמען 'להוציא ממסגר', נאכצוקומען די הונדערטער ארעסטן צוליב די גזירת הגיוס אין די מיליטערישע תפיסות.

**679** בחורים און אינגעלייט זענען פארטראטן און באגלייט געווארן אין געריכט וכו' דורך די אפטיילונג פאר אסירי הגיוס 'להוציא ממסגר'.

**157** זענען פונעם פארלאפענעם חודש אליין!!!

נאנט צו א **מיליאן דאלער** האט אפגעקאסט די פילע ערפארענע לויערס און אלע קאסטן ארום!

נאנט צו הונדערט **אנקלאגעס** זענען פארמאכט געווארן דעם יאר, נאך איבערמידליכע פעולות, שפארנדיג שווערע טויזנטער פאר די מוסרי נפש!

**45 אפענע קלאגעס מיט שווערע אנקלאגעס ווערן געפירט אין די יעצטיגע טעג אין די בתי משפט!**

**24 אפענע קלאגעס** אין געריכט ווערן געפירט אין די יעצטיגע טעג.

העכער **2,000,000 שקל!** בעיל (ערבות) איז געחתמעט געווארן דורך די עסקני הוועד.

העכער **170,000 שקל** איז איינגעלייגט געווארן דורך דעם ועד.

העכער **100,000 שקל** קנסות וואס דער קאורט האט ארויפגעלייגט, איז באצאלט געווארן דורך דעם ועד.

**9 ערפארענע אדוואקאטן** ארבעטן רונדע דעם זייגער פארן ועד.

**טויזנטער שעות** און **שלאפלאזע נעכט** זענען אריינגעלייגט געווארן דורך די מסי"נ עסקנים פונעם 'ועד אסירי ציון' דעם פארלאפענעם יאר!

### עד הנה עזרונו רחמיך!

מיט גרויס סייעתא דשמיא זענען אנהייב יאר באפרייט געווארן פון תפיסה די מוסרי נפש, וועמען די רשעים האבן געאורטיילט אויף לאנגע יארן. זיי זענען באגלייט געווארן דורכאויס די גאנצע צייט אין געריכט און אין תפיסה דורכן 'ועד':

ר' **אלעזר צדוק קויפמאן** און ר' **ארי' מרדכי ראבינאוויטש** פון תפיסה נומ' צען.

**הרב יהושע דדון** איז באפרייט געווארן פריער פון דער צייט, נאך אומדערמידליכע פעולות, נאכן זיצן א יאָר צייט.

דעם פארלאפענעם חודש איז באפרייט געווארן פון תפיסה **הרב ישראל נמדר.**

און צום לעצט, די באקאנטע **63 חטופי סאלבערג**, סיי פון די פשוט'ע תפיסה און סיי פון די מיליטערישע תפיסה.

### דער היסטארישער כינוס 'בוני המבצר'

אור ליום ב' מנחם אב, דעם יומא דהילולא פון מרא דארעא קדישא מרן גאב"ד ירושלים השערי טובי' זיע"א, איז פארגעקומען דער היסטארישער כינוס מיוחד 'בוני המבצר', וואו עס האבן זיך באטייליגט אריבער **1,200** מוסרי נפש, מסלתה ומשמנה פונעם יהדות החרדית בארה"ק, וועלכע זענען ארויסגעקומען צייגן סאלידאריטעט און שטיצע פארן 'ועד אסירי ציון' וואס דינט אלס דער רוקן-ביין פאר אלע מערכות הקודש.

איבער טויזנט באטייליגטע האבן דארט גענומען אויף זיך א חודש'ליכע שותפות אין די פעולות חובקות עולם פונעם ועד.

### המקום ירחם עליהם ויוציאם:

שטייענדיג אין די ימי הרחמים, דארפן מיר מעורר רחמים זיין און בעטן רחמי שמים מרובים על כלל אחינו בני ישראל הנמצאים בצרה ובשביה, ובפרט פאר:

ר' אפרים פישל בן דבורה דוואשע (גרינפעלד)

ר' יוסף יהושע לייב בן חי' מרים טויבא (פריעדמאן) - הויז ארעסט

ר' אברהם יצחק בן ברכה בריינדל (קאהן) - הויז ארעסט

שיצאו במהרה מאפילה לאורה!

ונזכה במהרה לשמוע בביטול המדינה הציונית וביאת משיח צדקינו בב"א.

איבער טויזנט (!) מוסרי נפש, וועלכע זענען ארעסטירט געווארן אינעם "מדינה של גיהנום" דורכאויס דעם פארלאפענעם יאר למען כבוד שמו, זענען פונעם ערשטן מאמענט געטריי באגלייט געווארן ביז זייער באפרייאונג. דאס רעכנט אריין די הילף פון העכסט ערפארענע אדוואקאטן, טויזנטער דאלארן פאר בעיל, און לעגאלע פארטיידיגונג קעגן געריכטליכע קלאגעס – וואס האט אפגעקאסט די אסטראנאמישע סומע פון נאנט צו

## א מ-י-ל-י-א-ן דאלאר!

’קרן הצלה’ שרייט אויס המלך:

# ערשטע חלוקה אדירה שנת תשפ"ז - 5 מיליאן דאלער - פאר 276 מוסדות עטה"ק

## באזונדערע חלוקה דרבנן: קעש קארטלעך פאר אלע 3,000 מרביצי תורה פון אלע ת"ת און ישיבות עטה"ק







חיזוק בלי גבול: באזונדערע פעליגע ’קעש קארטל’ פון קרן הצלה פאר אלע דריי טויזנט מרביצי תורה און 2850 מחנכות עטה"ק לכבוד יו"ט



חלוקה אדירה בלשכת בית דין הגדול שבירושלים, בראשות שרי התורה הגאוה"צ חברי ביד"צ שליט"א



פאנטאסטישע חלוקה אפגעהאלטן נאך רייע פון ’60 מסיבות’ אין אלע חרדי'שע שטעט - 9 דערפון אין קרית יואל - אשריך שותף ותומך!



מנהלים ערהאלטן פרישן טשעק'ל קוים עטליכע חדשים פון פאריגן ’5 מיליאן’ חלוקה פארלאפענעם חודש אב! קרן הצלה איז ממשיך ביתר שאת

טויזנטער בחורים פון איבער לענגאויס אלע עקן ארה"ק דאנקן אייך:

# אדאנק אייך דיצן מיר אין די סוכה

## מיט א שמחת יו"ט מיט די משפחה אינאיינעם

**און מיר זענען נישט פארשקלאפט אונטער די נעגל פונעם מיליטער, וואו עס איז די ערגסטע מקום טומאה וזוהמה**



# עָלֶיךָ הֹרַגְנוּ כָל הַיּוֹם




## הרה"צ
# רבי חיים יוסף גאטליב זצ"ל

**דערציילט אין זיין אריגינעלער שפראך איבער זיינע דריי ארעסטן; די פינסטערע קעלערן, מערדערליכע קלעפ און סטראשונקעס — און די דורכגעווייקטע אמונה וואס האט באזיגט די רשעים ימ"ש**

שפאנענדע שילדערונג פון די אומגלויבליכע יסורים און מיטמאכענישן אין די ביטערע תפיסות אונטער די ציוניסטישע רשעים

## אריינפיר:

שטייענדיג נאך דער טראגישער פטירה פון האי גאון וצדיק, דער אומבויגזאמער לוחם מלחמות ה', הרה"צ רבי חיים יוסף גאטליב זצ"ל, קען זיך דער ציבור נאך אלץ נישט צונויפקלויבן פונעם פלוצימדיגן און ביטערן פארלוסט.

באזונדער שטארק האט זיך דער חלל געשפירט אין די פארלאפענע הייליגע טעג פון ראש השנה און יום הקדוש, ווען פון זיין באקאנטן ארט אין בית המדרש האט געפעלט דאס הייליגע געשטאלט, זיין פלאמעדיגער דאווענען און דער דורכדרינגליכער געשריי: "כלה דבר וחרב ורעב ושבי ומשחית ועון ושמד מבני בריתך" – א געשריי וואס פלעגט אויפשאקלען די הערצער און האט אפגעשפיגלט זיין גאנצע מציאות פון קנאות דקדושה און מסירת נפש פאר יעדן ענין פון אידישקייט.

אין ליכט פון די שטארקע נאכפראגע פון פילע לייענער, וועלכע ווילן הערן און וויסן מער איבער די אומגלויבליכע יסורים און מיטמאכענישן וואס רבי חיים יוסף איז אריבער אונטער די הענט פון די ציוניסטישע רשעים, טוט די "וואכנשריפט" דא אראפברענגען זיינע אייגענע שפאנענדע שילדערונגען איבער דריי באזונדערע ארעסטן און תפיסות.

די דאזיגע שפאנענדע עפיזאדן האט רבי חיים יוסף זצ"ל בחיים חיותו דערציילט ביי פארשידענע געלעגנהייטן, אין זיין לעבעדיגער און אריגינעלער שפראך, איבער די פינסטערע תפיסה־קעלערן, די הונגער און פייניגונגען, די מערדערליכע קלעפ און סטראשונקעס – און איבער דער פעלזנפעסטער אמונה און שמחה דקדושה וואס האבן אים באגלייט אויף יעדן טריט און שריט, און האבן צום סוף באזיגט די רשעים ימ"ש.

פאלגנד ברענגען מיר די זעלטענע שילדערונגען ככתבן וכלשונן, למען ידעו דור אחרון – צדיק מה פעל.

אנגעהויבן אונז אויסצופארשן מיט פארשידענע מיטלען, זיי האבן געוואלט אהער און אהין. דאס ווייס איך יא, אז ר' זלמן בריזל ע"ה איז אהין געקומען דארטן און געבעטן די פאליציי אז מען זאל אונז מוחל זיין און אונז ארויסלאזן, מען זאל אונז נישט איינזעצן. ער האט געטענה'ט: "וואס האבן מיר געטון? מיר זענען געגאנגען מיטאג צייט, וואס איז אויב מען שרייט אביסל? וואס האבן מיר דען געטון?".

בקיצור, זיי האבן זיך אויסגעלאכט, אונז גענומען און אריינגעפירט אין תפיסה - א פינסטערע תפיסה. מען האט אונז אריינגעשליידערט אין א צימער מיט אנדערע פושעים און פארברעכער; אין דעם צימער איז גארנישט געווען אויסער עטליכע אלטע מאטראצן מיט פאר'סרח'טע דעקעס, און דארט האט מען אונז געלאזט זיצן. מיר זענען געווען אויסגע'חלש'ט, מען האט נישט אריינגעלאזט קיין עסן א גאנצן טאג. איך בין געווען אזוי הונגעריג, אז פאר הונגער האב איך געביסן דעם מאטראץ. מען האט אונז שוין איינגעזעצט נאכמיטאג, און מען האט נישט אריינגעלאזט קיין עסן ביז שפעט דעם אנדערן טאג.

דעם אנדערן אינדערפרי האבן זיי גענומען הרה"ג ר' יעקב דאווידאוויטש זאל זיין געזונט - ער איז דעמאלט אויך געווען א בחור - און זיי האבן אים צוזעצט און צופליקט און צובלוטיגט זיינע הענט. איך ווייס נישט פארוואס און פאר ווען, אבער דאס האבן זיי געטון.

הערשט אינמיטן דעם אנדערן טאג, בערך צוועלף אזייגער, האט מען אריינגעלאזט אביסל עסן. עס האט אויסגעזען אזוי'וי מען עסט מוצאי יום כיפור; מען איז געווען אזוי פאר'חלש'ט, אזוי איז מען געלעגן דארט אין תפיסה. ווער עס האט דאס געשיקט ווייס איך נישט, איך האב דאך נישט געזען, אבער עס זענען געווען טייערע אידן בעלי חסד וואס האבן געוואלט ארויסהעלפן די אסירים, האבן זיי אריינגעברענגט עסן פאר די אידן, און מען האט זיך אביסל מחזק געווען.

אויף צומארגנס איז שוין פארגעקומען א גרויסע הפגנה אין ירושלים צוליב אונזערע ארעסטן. בשעת מיר זענען געזעצן אין תפיסה, איז צומארגנס שוין געווען א גרעסערער עולם ביי די הפגנה. פופציג אידן זענען ארויסגעגאנגען, און ווייטער זענען געקומען הונדערטער פאליציי קיין מאה שערים און מען האט געהאקט און געפליקט. מען האט דעמאלט איינגעזעצט נאך עטליכע אידן, אריינגערעכנט דעם אינגערמאן ר' שמואל קרויס, און נאך עפעס א איד וואס איז גראדע געווען אומשולדיג - ער האט בכלל נישט באלאנגט צו די קנאים - אבער ער איז פונקט געווען אין גאס, האט מען אים אריינגעלייגט אין זאק. אזוי זענען מיר געווען דארט אין תפיסה פון מיטוואך ביז פרייטאג.

פרייטאג האט מען אונז געשטעלט צו א משפט. מיר מיט ר' יעקב און די אלע אינגעלייט זענען דעמאלט באפרייט געווארן פון תפיסה, אבער הרה"ג ר' אברהם יעקב עפשטיין שליט"א, האט מען יא פארהאלטן ווייל ער האט געשריגן "איני מכיר". איך האב ליידער נישט געשריגן דעם "איני מכיר". עס זענען געקומען עטליכע אלטע אידן און האבן געבעטן רחמנות, זאגנדיג אז מיר האבן נישט קיין כח און מיר זענען שוואכע מענטשן, מען זאל אונז ארויסלאזן. בקיצור, מען האט אונז דעמאלט ארויסגעלאזט אויף שבת, און זיי האבן באשטימט א משפט אויף א שפעטערדיגע צייט.

גלייך ווי איך קום ארויס פון תפיסה, גייט נישט אדורך קיין קורצע צייט און ר' יעקב דאווידאוויטש קומט מיר זאגן: "חיים יוסף, איך האב פאר דיר א בשורה טובה, דער אצטדיון איז אינגאנצן אראפ פון מארקעט, אויס אצטדיון! די ציונים זענען געווארן צובראכן פון אט די קליינע הפגנה." עס קוקט אויס מאדנע, אבער דאס איז געווען א מעשה שהיה.

## די השפעה פון די מחאה אין רוסלאנד

מען דארף פארשטיין וואס דא האט זיך אפגעטון, עס איז נישט געווען אזוי פשוט. די מעשה איז געווען אזוי:





ביי די הפגנה וואס מיר האבן דעמאלט געמאכט מיט צען-צוואנציג אידן וואס זענען ארויסגעגאנגען מיט די זעק, זענען פונקט דעמאלט אריבער אויסלענדישע טוריסטן און זיי האבן געזען ווי מען גייט מיט זעק און מען שרייעט גוואלד. דאס איז ביי זיי געווען זייער מאדנע: 'אין ארץ ישראל זאלן ארטאדאקסישע אידן גיין מיט זעק און שרייען געוואלד'? אז מען גייט מיט זעק ווייזט עס אז עס איז חושך ואפילה. דעמאלט האבן די ציוניסטן כסדר געפאדערט פון רוסלאנד פארוואס מען פייניגט אידן אונטערן קאמוניזם; זיי האבן געפאדערט אז די רוסן זאלן ארויסלאזן די אידן קיין ארץ ישראל און זיי פריי לאזן.

אבער למעשה זענען די בילדער ווי מיר גייען ארום מיט די זעק און שרייען געוואלד שטארק מפורסם געווארן אין רוסלאנד, און עס איז געווארן א געוואלדיגער דרוק פון דער רוסישער רעגירונג קעגן די ציונים. זיי האבן געטענהט: "איר שרייט אז ביי אייך לעבט מען פריי?! קוקט אהער, ביי אונז גייט מען נישט מיט קיין זעק! מען לאזט היטן די תורה, און דא שרייט מען אז איר רייסט אויס די רעליגיע פון זיי מיט כל ערליי מיטלען."

האט זיך אנגערופן דער דעמאלטיגער פרעמיער מיניסטער פון די ציונים, בעגין ימ"ש שר"י, פארן מעיאר פון ירושלים: "וואס ווילסטו? וועגן דיין אצטדיון ווילסטו חרוב מאכן די גאנצע מדינה?! א כפרה דעם אצטדיון, לאז אפ די מדינה! די חברה ווען נאך חרוב מאכן די גאנצע מדינה."

אט אזוי האט זיך דעמאלט די גאנצע מעשה מיטן "אצטדיון" געענדיגט און בטל געווארן.

דאס איז א מעשה נורא. ווען עס זענען געווען פופציג טויזנט מענטשן, האט דער מעיאר געזאגט אז ער קען ברענגען **150,000** מענטשן, ווייל עס איז געווען צוזאמען מיט די אגודה מיט אלע בייזע רוחות. אבער ווען עס זענען געגאנגען צען-פופצן אידן מיט מסירות נפש און מיט זעק געשריגן "געוואלד!", און מען איז געגאנגען על מנת צו כאפן קלעפ, איז מקוים געווארן דער פסוק "וה' השמיע על מחנה ארם קול רעש גדול" - אזוי ווי עס שטייט ביי ארם, און די גאנצע מדינה האט זיך דעמאלט איבערגעדרייט.

אזוי האט זיך געענדיגט דער ערשטער ארעסט.

## דער צווייטער ארעסט: דער משפט און די תפיסות

דרייסיג טעג שפעטער איז פארגעקומען א משפט. איך וועל נאר דערציילן וואס איך געדענק. איך בין געגאנגען צום משפט, און דעמאלט האב איך יא געשריגן "איני מכיר". דער שופט האט באפוילן אז מען זאל מיר איינזעצן אויף דרייסיג טעג! אבער שוין! אויף די רגע!

אויפן ארט דארט ביים משפט זענען געקומען די פאליציי און מיר ארויפגעלייגט קייטן אויף די הענט, און מען האט מיר געשלעפט אין תפיסה אריין, צו מגרש הרוסים. עס איז געווען אומגעראכטן; איך האב כמעט גארנישט געהאט ביי מיר, נאר עטליכע ספרים און די תפילין, און איך בין אזוי געזעצן אין תפיסה, א בחור איינער אליין מיט אלע פושעים.

אויף צומארגנס זענען אריינגעקומען פאליציי אין צימער, מען כאפט מיך אן, מען לייגט ארויף קייטן, מען בינדט צוביידע הענט און מען גייט. זיי זאגן אז מען גייט מיך אוועקפירן צו א צווייטע תפיסה. זיי הייסן מיר שלעפן די פעקלעך; מיט די געבינדענע הענט האב איך געדארפט שלעפן די פעקלעך. איך האב געהאט דארט אביסל ספרים און וואס נאך איך האב מיטגענומען מיט מיר. עס איז שוין געווען צוועלף אזייגער מיטאג, און מען פירט מיך אריין אין א פארמאכטן טראק אינאיינעם מיט נאך טעראריסטן און פושעים. דאס פעקל וואס איך האב געשלעפט האבן זיי נישט געלאזט אוועקלייגן אויף קיין שום פלאץ, ניטאמאל האבן זיי דאס געלאזט שטעלן אויף דער ערד אין טראק; איך בין

געווען געצווינגען דאס צו האלטן אין די הענט. אויפן וועג האבן זיי געזאגט פאר די אנדערע ארעסטאנטן, פושעים און טעראריסטן, אז איך בין ערגער פון אלעמען. עס זענען געווען דארטן אראבער, טעראריסטן, גנבים און רוצחים, אבער איך בין געווען ערגער פון אלעמען ווייל איך בין נישט מכיר אין די גאנצע מדינה.

זיי הייבן אן צו פארן, און די רייזע האט זיך געשלעפט לאנגע שעה'ן. מען איז געפארן פון איין תפיסה צו דער צווייטער; איך האב נישט געוואוסט וואו מען פארט אדער פארוואס מען פארט. זיי האבן געוואלט פרובירן אונז צו צוברעכן. זיי האבן מיך געטראגן אין צוויי-דריי תפיסות, ביז איך בין אנגעקומען צו א תפיסה, דוכט זיך מיר נעבן נתניה. דארט האבן זיי מיך ארויסגענומען מיט קייטן און אריינגעלייגט אין א פארשפארטן צימער. דארט האבן זיי מיך געלאזטווארטן א לאנגע צייט, איך ווייס נישט פארוואס און איך ווייס נישט ביז ווען.

דער זייגער האט זיך גערוקט, איין שעה נאך דער צווייטער. איך בין געווען הונגעריג, פאר'חלש'ט און שרעקליך אויסגעמוטשעט. איך האב דארט אויך נישט געקענט שלאפן; עס האט זיך געשפירט א גאר שווערער ריח, גאר א קליינער פארמאכטער צימער וואו עס איז כמעט נישט געווען קיין לופט צו אטעמען, און ס'איז געווען אנגעלייגט מיט עיפוש.

נאכן זיצן דארטן עטליכע שעה, האט מען מיך אריינגערופן אין דעם פאליציי אפיס. עטליכע פאליציאנטן האבן זיך ארומגעזעצט ארום מיר און מיר געזאגט: "הער זיך איין, דו ביסט דא אנגעקומען אין תפיסה, און דו מוזט דא אונטערשרייבן אז דו נעמסט זיך אונטער צו זיין א מענטש. וואס מען וועט דיר זאגן וועסטו פאלגן; אלע זאכן וואס מען הייסט דיר, וועסטו פאלגן ווי א גוט קינד," אזוי האבן זיי מיר געזאגט.

האב איך זיי געענטפערט קורץ און קלאר: "איך גיי מיט די תורה; וואס די תורה לאזט, דאס וועט מען טון, אבער קעגן די תורה קען איך גארנישט טון!"

האט זיך אנגערופן איינער פון די פאליציאנטן און מיר געזאגט: "דו וועסט ווערן א מענטש, דעמאלט וועסטו זיך אונטערנעמען אלעס צו פאלגן."

האט זיך אנגערופן א צווייטער פאליציאנט אז ער האט א בעסערע עצה: מען זאל מיר געבן צו עסן צוויי וואכן מיט נידלעך, מיט אינטערווינעס, און אזוי וועט ער ווערן א מענטש.

דער דריטער – עס זענען געווען דארט דריי פאליציאנטן – זאגט, אז מען זאל מיך אריינלייגן אין א פלאץ וואו מען קען זיך נישט רירן, א "צינוק" הייסט דאס, און אויב איך וועל דארטן זיין א וואך צייט אין אזא פלאץ, וועל איך ווערן א מענטש.

# די מעשה פון הגה"צ רבי אברהם אלי' מייזעס זצ"ל

השי"ת האט מיר אריינגעשיקט דיבורים אין מויל, האב איך זיי געזאגט: "איך וויל אייך דערציילן א מעשה:

עס איז געווען א גרויסער צדיק, ער האט געהייסן רבי אברהם אלי' מייזעס. ער איז געווען אין רוסלאנד אין א צייט וואס מען האט נישט געלאזט לערנען און מען האט נישט געלאזט דאווענען. ווער עס האט געלערנט, אדער ווער עס האט גע'מל'עט א קינד, אדער געלערנט תורה מיט קינדער אדער בחורים, אדער געטון סיי וועלכע אידישע זאך, האט מען אים געפירט קיין סיביר און אויסגעפייניגט מיט די גרעסטע רציחות וואס איז שייך. אבער דער רבי אברהם אלי' מייזעס האט נישט געקוקט אויף גארנישט, ער איז געלאפן און געלערנט מיט קינדער און בחורים, ער האט געהאט א ישיבה, און ער האט זיך גארנישט וויסנדיג געמאכט פון די גאנצע זאך."

די קאמוניסטן האבן אים איינגעזעצט אין תפיסה און געמאכט אויף אים א משפט. ביים געריכט האט דער שופט געפרעגט ר' אברהם אלי'ן: "פארוואס ביזטו אזוי צעלאזט? אלע רבנים זיצן איינגעלייגט, און דו גייסט קעגן דעם געזעץ און קעגן דער מלוכה? דו לויפסט ארום, זאגסט שיעורים, לערנסט תורה און דו רייצט אן מענטשן קעגן דער רעגירונג. וואס טוסטו? ביסטו קלוגער פון אלע רבנים און אלע אידן?"

האט ר' אברהם אלי' געענטפערט אז עס איז דא א פסוק אין תהלים: "בצר לי אקרא ה', ואל אלקי אשוע". האט ער געטייטשט: "בצר לי" – ווען עס טוט מיר וויי פריוואטע זאכן, "אקרא ה'" – רוף איך דעם אויבערשטן שטילערהייט; אבער "ואל אלקי" – אויב מען טשעפעט דעם אויבערשטן און די תורה, "אשוע" – וועל איך גיין אין די גאסן און מאכן קולות וברקים, איך וועל שרייען! אזוי האט ר' אברהם אלי' געזאגט פארן שופט.

דער שופט איז געווארן גערעגט, ער האט ארויסגענומען זיין ביקס און אים געזאגט: "דו זעסט דעם ביקס? דער ביקס האט שוין אסאך דיעות פון מענטשן איבערגעדרייט, עס וועט דיינע דיעות אויך איבערדרייען."

האט ר' אברהם אלי' געגעבן א געשריי מיט א פלאם פייער: "וועמענס דיעות האט דאס איבערגעדרייט?! א מענטש וואס האט צוויי באשעפערס און איין וועלט; אבער א איד וואס האט איין באשעפער און צוויי וועלטן, האט נישט מורא פאר א ביקס'עלע!"

דער שופט איז געווארן זייער היסטעריש און ברוגז, און ער האט באפוילן מען זאל איינזעצן רבי אברהם אלי' אין דער ערגסטער תפיסה אין סיביר אויף צען אדער פופצן יאר. ווען דער שופט האט ארויסגעגעבן דעם פסק, האט ר' אברהם אלי' זיך אנגערופן צום שופט: "איך וועל נאך טאנצן אויף דיין קבר!" אזוי האב איך זיי דערציילט.

[דרך אגב, ווען מען האט אים אפגעטראגן קיין סיביר, האט ר' אברהם אלי' דארטן מיטגעמאכט יסורים נוראים וואס מען קען נישט משער זיין. ער האט קיינמאל נישט געוואלט דערציילן די יסורים וואס ער האט מיטגעמאכט; ער האט געזאגט אז ווען ער וועט קומען צום כסא הכבוד, ביי דער ערשטער דרשה וואס ער וועט האלטן, וועט ער דערציילן וואס ער האט מיטגעמאכט, אבער פאר א בשר ודם האט ער נישט געוואלט אויסזאגן. נאר איין מאל האט ער עפעס דערציילט – א מעשה פלא – איך האב דאס געהערט פון א איד וועמענ'ס שווער האט געלערנט מיט ר' אברהם אלי' בחברותא, און צו אים האט ער זיך אמאל ארויסגעכאפט. ער האט געזאגט אז איין מאל האט מען אים אזוי געפייניגט – עס לאזט זיך נישט זאגן וואס די רוסן האבן אים געטון – ביז עס איז אים איינגעפאלן א מחשבה: פארוואס פייניגט מען





# „והיינו שוכבים על הארץ ומתפללים עד הבוקר"

## שני אברכים העצורים בחשד שהשחיתו תחנות, מתלוננים שסבלו מקור, נכלאו עם רוצחים, מסוממים ומחללי שבת, ונמנעו מהם ביקורים. העדה החרדית נרעשת, מתכננת הפגנות

אמנון לוי, יאיר שירל

שני האברכים שנעצרו בחשד ששרפו וצבעו תחנות אוטובוסים, חיים יוסל גוטליב ופנחס קלר, מאשימים את המשטרה בהתעללות. אתמול הבריחו מכתב מכלא באר שבע, שהפך לכרוז בחוצות ירושלים תחת הכותרת "קול דמי אחינו צועקים אלינו מבית הבור".

שני האברכים עצורים עד תום ההליכים. במכתבם סיפרו, שכלאו אותם עם רוצחים מסוממים ומעשני סמים. לשוטר, שמחה על כך, אמר מפקדו: "מגיע להם".

בשבת הם ביקשו להישאר לישון בבית־הכנסת, כי בתאם מחללים את השבת. הכניסו אותם לתא בו פעל כל הלילה מאוורר גדול. הם רעדו מקור. "התחלנו להתפלל בחזרה, כי לא רצו להוציא אותנו. אחר־כך נלקחנו לבית־הכנסת, והודיעו שלא מכניסים אוכל לשבת, ולא נותנים למשפחה לבקר. אף על פי שזכות זו נותנים לכל הפושעים והרוצחים.

"הכניסונו בחדר קטן ומסריח, בלי אוויר ומלא עד אפס מקום, ואמרו 'כאן תהיו, אתם יכולים לישון על הארץ'. אחד מאיתנו התעלף באמצע הלילה, ובתחילת השם התעורר. וכך היינו סגורים, ושוכבים על הארץ, ושם התפללנו עד שמונה בבוקר".

מכתבם של האברכים הסעיר את הרחוב החרדי. העדה החרדית מארגנת הפגנות לשחרורם. לפני כשבוע הוצע הסכם, לפיו ישוחררו השניים ללא משפט, ייצאו לחו"ל לחצי שנה, ובתמורה העדה החרדית לא תגיב יותר. ההסכם לא יצא לפועל, גם משום שהמשטרה טוענת, שאין רגיעה בפעילות הפרת הסדר של החרדים.

במשטרה דוחו את טענות האברכים העצורים. "היחס אליהם הוא בדיוק כמו לכל עציר אחר. הם הועברו ממגרש הרוסים לבית־המעצר בבאר־שבע, לפנים משורת הדין". המשטרה מאשרת, שהתקיימו מגעים בין ראשי העדה החרדית לבין משטרת ירושלים, אך מגעים אלה לא העלו דבר. כיוון שללא אישור של בית־המשפט, המשטרה אינה יכולה להחליט לשחרר עצורים שנעצרו עד תום ההליכים.



# המנהיג החרדי של שורפי התחנות הוברח לקנדה

## הבנה חשאית עם המשטרה: חיים יוסל גוטליב ייצא מהארץ, ובתמורה לא יועמד לדין

אמנון לוי

חיים יוסל גוטליב, מנהיג המאבק החרדי נגד תחנות האוטובוסים, הוברח בחשאי לחסידות טוש שליד העיר טורונטו בקנדה. כך נודע ל"חדשות".

גוטליב נאסר לפני שבוע בעוון צביעת תחנות ברחוב יפו בירושלים. בעבר נכלא שלוש פעמים בגין עבירה זו ונידון לשבעה וחצי חודשי מאסר. ביום שישי שעבר הוא שוחרר בערבות של 2,500 שקל, עד למשפט.

ל"חדשות" נודע שהייתה הבנה חשאית בין המשטרה ובין חברים בהנהלת העדה החרדית, בראשם הרב גרשון שטימר, שגוטליב יעזוב את הארץ לתקופה של שנה לפחות, ובתמורה לא יועמד לדין. ביום שלישי יצא גוטליב בחשאי לחסידות טוש, שהיא הקיצונית ביותר והקרובה ביותר לחסידות סטמר שבארה"ב. בחצר זו מצא מסתור ישראלי אחר, יוסף פרושינובסקי, חרדי עשיר שנמלט מהארץ לפני כמה שנים לאחר הסתבכות כספית.

בעדה החרדית יש התמרמרות גדולה על שגוטליב הוברח לארה"ב. הקנאים בעדה טוענים, שלא נשאר מי שינהיג את המאבק נגד חילונים בארץ. על רקע זה פרסם אחד מחסידי "תולדות אהרן", ממקורבי גוטליב, מודעה בביטאון העדה החרדית, שבו הוא מבהיר שהנסיעה לא נעשתה בגלל הסכם עם המשטרה, אלא בגלל לחץ המשפחות, שלא רצתה שגוטליב יישב בכלא. (ראה כתבה נרחבת על גוטליב במוסף)

מיך אזוי? וואס האב איך געזינדיגט? ער האט געשפירט ווי ער באקומט חלילה א הרהור אויף הנהגת הבורא ח"ו, פארוואס דער אייבערשטער טוט אים אזא זאך (כאטש אויפן בוכ"ע איז דאך נישטא קיין קשיות). ווי נאר ער האט דאס געטראכט, האט ער איינגעדרימלט – דאס איז נישט געווען בדרך הטבע, אינמיטן מיטמאכן אזעלכע יסורים – און מען האט אים מגלה געווען אין חלום: "דו ווייסט פארוואס דו ליידסט יעצט? דו ביסט געווען א רב אין רוסלאנד, און אמאל שפעט ביינאכט האט אן אלמנה אריינגעקלאפט ביי דיר אין שטוב, און דו האסט איר ארויסגעשיקט זאגנדיג אז אזוי שפעט קלאפט מען נישט ביים רב. די אלמנה איז אוועקגעאנגען ודמעתה על לחייה – עס איז שוין געווען נאך 12:00 ביינאכט און זי איז געווען זייער צובראכן און שטארק געוויינט. פאר איר צער ליידסטו איצט! און כדי דו זאלסט קענען קומען אויף יענע וועלט און האבן תענוגים אן קיין שום יסורים, באצאלט מען דאס דא אויף דער וועלט."]

איך האב דערציילט די מעשה פאר די אפיצירן דארטן. אינמיטן דערציילן די מעשה איז אריינגעקומען נאך אן אפיציר און אויסגעהערט. ווי נאר איך ענדיג די מעשה, רופט ער זיך אן צו די אנדערע אפיצירן: "הערט זיך איין, עס איז א שאד אויף ענקער ארבעט. איר קענט אים צושניידן אויף קליינע שטיקלעך, עס וועט גארנישט העלפן, מען וועט אים נישט קענען איבערדרייען. דער מענטש קומט פון תולדות אהרן, און דארטן לייגט מען אריין אין די קינדער אין די בלוט אז די ציונים זענען גוים גמורים; ממילא, דעם חינוך וואס זיי האבן אריינגעלייגט אלס קינד אין די בלוט, דאס קען מען נישט ארויסנעמען. וואס מען וועט נאר מאכן, וועט מען אים נישט קענען טוישן." ווי נאר ער האט דאס געזאגט, איז איינער פון די אפיצירן אריין אין אזא כעס, אז ער האט ארויפגעטאנצט אויף מיר מיט אזא רציחה: "מיר זענען גוים...!?" אבער איך האב גארנישט געענטפערט.

למעשה האט מען מיך געלאזט דארטן זיצן. איך האב געהאט א תהלימ'ל ביי מיר, און דורכאויס די גאנצע צייט האב איך געזאגט תהלים. עס גייט אדורך א שטיקל צייט, קומט מען צו צו מיר און מען זאגט מיר: "דיין תהלים האט אונז אלעמען באזיגט; עס איז געקומען א טעלעגראם פון ירושלים אז מען זאל דיר שוין באפרייען." וואס דער פשט דערפון איז געווען ווייס איך נישט, איך ווייס נישט קיין הסבר, איך דערצייל נאר א מעשה שהיה.

דאס איז געווען א טאג צום געדענקען, עס איז געווען א "יומא אריכתא" פון מיטמאכענישן.

ווען מען האט מיך ענדליך ארויסגעלאזט איז שוין געווען ביינאכט. איך האב זיך געטראפן איינער אליין אין א וויסט פלאץ וואו איך האב זיך בכלל נישט אויסגעקענט. איך בין געווען אינגאנצן אויסגעליידיגט; איך האב דאך גארנישט געהאט ביי מיר, מען האט מיר דאך אלעס צוגענומען און אויסגעליידיגט מיינע טאשן "מחוט ועד שרוך נעל" נאך אין ירושלים. איך האב נישט געוואוסט וויאזוי איך קען פארן אן געלט, וואו אהין צו גיין, ווען צו גיין, אדער וואו איך געפין זיך בכלל. איך בין געווען א בחור וואס האט געהיטן די אויגן, און איך האב נישט געוואוסט וואס ס'טוט זיך מיט מיר, מיט די גאסן אדער מיט די באסעס. איך בין געווען אין א פאררוקטע תפיסה דארט נעבן נתני'.

בקיצור, זיי געבן מיר א צעטל און זאגן מיר: "גיי זוך דעם באס וואס פארט קיין תל אביב." איך האב געדארפט פארן א שעה צייט ביז תל אביב, און פון דארט האבן זיי מיר געגעבן נאך א צעטל צו קענען פארן ווייטער ביז קיין ירושלים. אויף דעם צעטל איז געשטאנען אויפגעשריבן אז איך קום פון תפיסה און איך בין באשטעטיגט צו קענען פארן מיט דעם. אין דעם זענען געלעגן באהאלטן געפערליכע בייזוויליגע כוונות; אז איך פאר מיט אזא צעטל, וועט מען מיך גלייך אנקוקן ווי דעם ארגסטן פארברעכער - אט קומט ארויס א מענטש פון תפיסה, ווער ווייסט וואספארא פארברעכער ער איז.

איך האב נישט געוואוסט וואו די באס-סטאנציע געפינט זיך, האב איך געמוזט וואנדערן און זוכן ביז איך בין ענדליך אנגעקומען צו א באס וואס פארט קיין תל אביב. איך גיי ארויף אויפן באס און איך ווייז דעם צעטל אז ער זאל מיך ארויפלאזן. ווי נאר דער דרייווער זעט דעם צעטל, הייבט ער אן צו שרייען פאר אלעמען: "קוקט אן, דאס איז א מאה-שערים'דיגער פארברעכער!" אויפן באס איז געווארן א גאנצע איבערקערעניש; אלע האבן געקוקט, און אלע האבן געלאכט און געשפעט פון מיר. אזוי בין איך געפארן דעם גאנצן וועג ביז קיין תל אביב.

אין תל אביב האב איך געזוכט א צווייטן באס וואס פארט קיין ירושלים. ביז איך בין ענדליך אנגעקומען אויפן באס, האט זיך איבערגעחזרט די זעלבע מעשה: דער דרייווער האט אנגעהויבן שרייען אויף מיר, ווייל די ראדיא-סטאנציעס זענען שטענדיג געווען פארנומען מיט די פרומע, זיי האבן נאכאנאנד געזוכט צו באשמוצן און פארמיאוס'ן און אראפמאלן די פרומע ווי די ערגסטע חיות אויף דער וועלט, און זיי האבן געזאגט אז איך בין פון די "טעראריסטן" פון מאה שערים. פארשטייט זיך אז עס איז ווייטער געווארן א טומל, ביז דער באס איז ענדליך אנגעקומען קיין ירושלים. דארט האב איך גענומען א טעקסי און געזאגט אז איך וועל באצאלן ווען איך קום אן אהיים, און בחסדי ה' בין איך צוריק אנגעקומען אהיים שפעט ביינאכט. אזוי האט זיך געענדיגט דאס צווייטע מאל וואס איך בין געזעצן אין תפיסה.

# תפיסה נומער דריי: די גזירה פון ניתוחי מתים

דאס דריטע מאל וואס איך בין אנגעקומען אין תפיסה איז געווען אום ערב חנוכה. איין מאל האב איך שוין דערציילט איבער א נס חנוכה וואס איך האב געהאט אין תפיסה, אבער אצינד וויל איך דערציילן פון אן אנדערע מעשה אין תפיסה, נישט קיין נס חנוכה.

די מעשה איז געווען אז מען איז געקומען זאגן אין די ישיבה אין תולדות אהרן אז מען שניידט א נפטר רח"ל. דעמאלט איז אנגעגאנגען די שרעקליכע גזירה פון ניתוחי מתים אויף א שוידערליכן אופן, און דער זון פונעם בריסקער רב, הגאון ר' רפאל סאלאווייציק זצ"ל, האט דערויף פארלייגט וועלטן און מרעיש עולמות געווען. הכלל, מען איז געקומען זאגן אין ישיבה אז רבי רפאל סאלאווייציק שרייעט "געוואלד" אז מען זאל קומען מוחה זיין, ווייל מען שניידט איצט א נפטר אין הדסה שפיטאל.

עס איז געווען דער ערשטער טאג חנוכה און מען איז געלאפן. מען האט גערעדט מיט די מנהלים פון די ישיבה אין תולדות אהרן און מען האט געפרעגט דעם תולדות אהרן רבי'ן זצ"ל, און ער האט געזאגט אז מען זאל גיין מוחה זיין. מען האט דעמאלט צוזאמגעשטעלט א 'ווען' פון תולדות אהרן און א 'ווען' פון די סאטמארער ישיבה; פון דארט זענען אויך געקומען ווארימע בחורים וואס האלטן ביים מוחה זיין, וויסנדיג אז עס איז נישט קיין פשוט'ע זאך.

ווען מיר זענען אנגעקומען קיין הדסה, האבן מיר געזען אז עס זענען דארט בערך דרייסיג אידן, אבער מען האט נישט געוואוסט וואו מען שניידט. הדסה איז א ריזיגער שפיטאל מיט עטליכע ריזיגע בנינים; מען האט געזאגט אז דאס איז דער גרעסטער שפיטאל אין מיטל מזרח. איינער וואס איז מיטגעקומען האט געהאט באקומען פונקטליכע אינפארמאציע פון רבי רפאל סאלאווייציק זצ"ל, וועלכער האט אים אנגעוויזן גענוי וואו דאס איז.

מיר האבן אנגעהויבן נאכצוגיין יענעם וואס האט געוויזן דעם וועג. עס איז געווען א פארדרייטער, באהאלטענער פלאץ וואו מען האט שווער געקענט צוקומען, זיי האבן דאך אלעס געהאלטן בסוד. עס איז געווען אויף א געוויסן שטאק אין שפיטאל וואו קיינער האט זיך נישט געדרייט; אויף יענעם גאנצן שטאק האט קיין שום מענטש זיך נישט געטארט דרייען, כדי זיי זאלן קענען אדורכפירן די שרעקליכע פארברעכנס און אברים רויב רח"ל. נאר ר' רפאל סאלאווייציק האט געהאט בסודות ידיעות פונקטליך וואו דאס קומט פאר און ער האט אנגעזאגט וואו צו גיין. מיר האבן געמוזט ארומקריכן פון איין בנין צום צווייטן, אראפ און ארויף מיט די עלעוועיטארס, ביז מיר זענען אנגעקומען צום פלאץ.

ווי נאר מיר זענען אנגעקומען און געפונען דאס פלאץ, האבן מיר אנגעהויבן שרייען קולות און מאכן שרעקליכע איבערקערענישן. עס איז געווען פאר זיי א גרויסע 'סורפרייז' וויאזוי מיר זענען דארט אנגעקומען, ווייל דאס איז נישט קיין פלאץ וואו מענטשן מעגן זיך בכלל דרייען, נאר דאקטוירים, די מתים שניידערס, די פאטאלאגן. האבן זיי אנגעהויבן שפריצן אויף אונז א געוויסע מין 'גאז' וואס מאכט שווינדלען און מען קען נישט אטעמען; עס איז געווען איום ונורא.

נאך עטליכע מינוט וואס זיי האבן געשפריצט האבן מיר געשפירט אז מיר ווערן דערשטיקט ח"ו, האבן מיר געמוזט הייבן פיס. די עלעוועיטארס האבן זיך פארמאכט און מען האט נישט געקענט אראפגיין דערמיט, זענען מיר אראפגעלאפן דורך די שטיגן.

דער עולם האט אנגעהויבן צו אנטלויפן שנעל מיט אלע כוחות, אבער אינמיטן די שטיגן זענען די פאליציי שוין געקומען אונז אנטקעגן. זיי האבן אונז "מקבל פנים" געווען מיט א געוואלדיגע רציחה, אויסגעדרייט די הענט און

געבינדן אין קייטן. ווען זיי האבן געכאפט, האבן זיי ארעסטירט. מיך האבן זיי געכאפט דעם ערשטן, ווייל איך האב זיך מזרז געווען צו אנטלויפן דער ערשטער. זיי זענען געקומען מיט א געוואלדיגע רציחה, אויסגעדרייט די הענט, און אזוי אריינגעלייגט אין א שטוב און געהייסן זיצן אויף דער ערד צוגעבינדענערהייט. זיי האבן אכטונג געגעבן מיר זאלן נישט אנטלויפן און האבן געברענגט נאך און נאך מוחים. דער גאנצער שפיטאל איז געווען באלאגערט מיט פאליציי, און זיי האבן פרובירט צו כאפן יעדן וואס האט דארט מוחה געווען.

אזוי זענען מיר געזעצן א שעה צייט אויף דער ערד מיט אויסגעדרייטע הענט, ביז זיי האבן יעדן אריינגעברענגט און ביז זיי האבן געברענגט דזשיפס אונז צו פירן אין תפיסה. ווען די דזשיפס זענען אנגעקומען, האט מען אונז אנגעהויבן ארייינשטופן; אין אונזער קאר אליין זענען געווען באלד צען אידן. עס זענען געווען נאך 28 אידן - כמעט אלע דרייסיג האט מען געכאפט. היות הדסה איז א ווייטע געגנט, בערך א האלבע שעה אוועק פון ירושלים, איז נישט שייך געווען צו אנטלויפן, ווייל מען דארף גיין דריי-פיר שעה צופיס.

בקיצור, זיי האבן אונז אריינגעלייגט אין א דזשיפ - עס איז געווען די ערשטע נאכט חנוכה - און מען האט אונז געפירט צו אן אראבישער תפיסה אין אן אראבישער געגנט אין אלט שטאט. די תפיסה הייסט "קישעלע", זעט אויס אז דארטן קען מען גוט פייניגן. דארט האט מען גענומען איינעם פון די בחורים און אים אנגעהאקט מיט מערדערליכע קלעפ, זעט אויס זיי האבן געוואלט דערשרעקן דעם עולם.

אין תפיסה האט מען אונז קודם אריינגעלייגט אין איין גרויסן צימער. אין דעם איינעם צימער האבן זיי אריינגעשטופט דרייסיג מענטשן, אן בעטן, אן טישן, אן בענק, אן וואסער, אן א ביה"כ, אן גארנישט. עס איז געווען ווינטער - חנוכה צייט - בלויז ערד מיט ווענט; מען האט דארט אריינגעלייגט דרייסיג מענטשן ווען עס איז גארנישט דא.

ער האט געוואוסט אז ערגעץ וואו איז דא א לאך אין א פארריקטן ווינקל, און דארטן האט ער אריינגעווארפן לעכט מיט שוועבלעך, און איינער האט געצינדן פארן גאנצן עולם.

דער מצב אין יענעם צימער איז געווען שרעקליך. עס איז נישט געווען קיין וואסער, און זיי האבן נישט געלאזט ארויסגיין אין בית הכסא. דרייסיג מענטשן אן א ביה"כ און אן וואסער, אן גארנישט; עס איז געווען פחדים נוראים. מען האט געדארפט שלאפן אויף דער ערד, נישטא גארנישט. עס איז געווען שרעקליך קאלט און עס איז נישט שייך געווען צו שלאפן. ווען עס איז געווארן צוויי-דריי אזייגער פארטאגס, האבן די מענטשן שוין נישט געקענט אויסהאלטן; עס איז געווען "באו מים עד נפש". מען האט אנגעהויבן צו באמבארדירן מיט קולות און געשרייען, און מען האט געזעצט אויף די ווענט מיט אלע כוחות. דעמאלט האבן זיי זיך געבראכן און געעפנט די טיר, און האבן צוביסלעך ארויסגעלאזט איינציגווייז צו גיין אין בית הכסא און צוריקקומען.

אזוי האט מען דארט געפייניגט א גאנצע נאכט, "שם ישבנו גם בכינו". אינדערפרי האט מען זיך אויפגעזעצט צום דאווענען; ווער האט דען געקענט שלאפן? מען האט כמעט נישט געקענט צומאכן אן אויג. מען האט געדאווענט, און שפעטער האט מען אריינגעברענגט עסן - פרישטאג האט מען שוין אריינגעלאזט און מען האט געגעסן. אבער מען האט נאר געקענט זיצן אויף דער ערד, אן וואסער און אן גארנישט. אזוי איז מען געזעצן ביז פיר אזייגער נאכמיטאג.

אינדערצווישן האבן זיך אין די ירושלים'ער גאסן אפגעטון גרויסע איבערקערענישן. מען האט דאך געוואוסט אז דרייסיג אידן זיצן אין תפיסה, און די גאסן האבן געקאכט מיט הפגנות. דעמאלט, פיר אזייגער נאכמיטאג, האט מען אריינגעלאזט תפיסה-מאטראצן אין צימער, אז מען זאל האבן אויף וואס זיך אראפצולייגן. פארשטייט זיך אז דאס זענען געווען יענע סארט מאטראצן, אבער דאך עפעס בעסער ווי אויף דער ערד.




אבער היות די הפגנות אין ירושלים האבן אנגעהאלטן, איז ביינאכט - בערך צען אזייגער - געקומען די פאליציי און אונז געזאגט אז מען האט געמאכט א פשרה: מען וועט ארויסלאזן 15 ארעסטאנטן און 15 וועלן בלייבן, און דעמאלט וועט מען אפשטעלן די הפגנה. פופצן אידן האט מען טאקע ארויסגעלאזט, און פופצן האט מען דארט געלאזט.

מיין גורל איז געפאלן צו זיין צווישן די פארבליבענע אין תפיסה. פון דארט האט מען אונז געטראגן צו א צווייטער תפיסה אין ירושלים, אין מגרש הרוסים, און דארט זענען מיר ווייטער אריבער שבעה מדורי גיהנום. דארט זענען מיר געזעצן נאך א טאג ביזן נעקסטן טאג פארנאכטס, און דעמאלט האט מען אונז ארויסגעלאזט.

ברם זכור אותו האיש לטוב, עס איז דא א איד, הרה"ח ר' שמואל שלמה קויפמאן שיחי' פון קרית יואל; ער איז דעמאלט געווען אין ירושלים - זיין שווער שיחי' האט דאך דארט געוואוינט - און ער האט זיך אסאך געפארעט פאר אונז. ער האט געזארגט אז מען זאל אריינגעבן עסן, און ער האט געארבעט מען זאל אונז ארויסלאזן. זיי האבן נישט געוואלט ארויסלאזן נאר אויף ערבות, אז איינער שרייבט אונטער אחריות - ווי מען זאגט "בעיל" - און יענער לייגט איין געלט. צען טויזנט דאלער האט ער דעמאלט אראפגעלייגט אלס ערבות. ער איז געווען דער איינציגסטער וואס האט געטון מיט מסירות נפש, און מען האט געחתמ'עט ערבות אז מען קומט צוריק צום משפט; ביזן משפט האט מען אונז ארויסגעלאזט.

אזוי האט זיך דעמאלט געענדיגט דאס דריטע מאל וואס מיר זענען געזעצן אין די ציוניסטישע תפיסה, ווען אויף יעדן טריט און שריט האט מען געזען די וואונדערליכע סייעתא דשמיא און השגחה עליונה, ווי עס איז מקוים געווארן במילואה די הבטחה פון השי"ת: "ואף גם זאת בהיותם בארץ אויביהם לא מאסתים ולא געלתים לכלותם להפר בריתי אתם כי אני ד' אלקיהם".

## נר חנוכה אין די אראבישע תפיסה

אז מען רעדט פון יענע צייט, מוז איך דערמאנען לשבח א איד וואס האט אונז דעמאלט אינזין געהאט מזכה צו זיין מיט הדלקת נר חנוכה. דאס איז ר' יושע פערל שיחי' פון מאנטריאל, וועלכער איז דאן געווען א אינגערמאן. ער האט פארשטאנען וויאזוי מען גיט זיך אן עצה מיט די חברה; ער איז געווואר געווארן וואו מיר געפינען זיך, און היות עס איז דאך געווען חנוכה אויפדערנאכט איז ער אנגעקומען צו יענע תפיסה.




# דער פעקל וואס האט אים געהאלטן

**בַּמַּחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי: דער קאמף פון א ניינצן-יעריגן ישיבה-בחור צו בלייבן אן ערליכער איד**

**אין אן ערשטהאנטיגן אינטערוויו שילדערט א בחור די שוידערליכע נאכט ווען פארמאסקירטע פאליציאנטן האבן געשטורעמט זיין הויז; די קייטן, דערנידערונגען און נסיונות אין תפיסה; פורים צווישן די תפיסה־ווענט; און דער לאנגער אנגעצויגענער וועג ביז צום ענדגילטיגן פטור**

## אריינפיר

ס'איז אמת, מיר הערן טעגליך איבער גיוס.

ס'איז וואָר, מיר האַלטן מיט פון דער נאָנט דאָ אין דער שפּאַלטענס פון "די וואכנשריפט".

ס'איז ריכטיג, אַז מיר מיינען אַז מיר האָבן אַרויס דעם נושא.

יעדן וואך הערט מען פרישע ידיעות איבער די גזירת הגיוס. מען רעדט פון די מערכה. מען שרייבט פון די עסקנים. מען רעדט איבער די בחורים און יונגעלייט אין ארץ הקודש, וואס שטייען פעסט מיט מסירות נפש פאר קיום התורה.

אָבער דאך זענט מיר נישט באַהאַוונט אין דעם ריכטיגן שיקזאַל פון דיירי ארצינו הקדושה.

דאָס מאָל האָט זיך 'די וואכנשריפט' פערזענליך פארבינדן מיט איינע פון די צענדליגער בחורים וואס האבן דורכאויס דעם פארלאפענער ווינטער שטייגערליך געשמאכטעט אין טורמע צו הערן ערשטהאנטיג וואס דאס מיינט.

די מערסטע פיקאָנטיש דערפון איז, אַז דער "בעל המעשה" איז נאָכנישט קיין צוואָנציג יאָר, אַזוי, אַז כאָטש עס קען זיך דאַכטען אַז דאָס האָט פאַסירט פאַר כאָטש הונדערט יאָר צוריק, איז עס פאַקטיש געשען היינטיגע צייטן!

צום באמערקן אז דער דאזיגער בלוט דורכגעווייקטער קאפיטל איז נישט דאס איינציגסטע, נאר יעדער איינס פון צענדליגער און הונדערטער קאפיטלען וואס שפילט זיך אפ טאג טעגליך אין גלות הערב רב, ווען אידישע יונגע בחורים'לעך ווערן געפייניגט און דערדרוקט, אויף א שוידערליכן פארנעם וואס איז נישט מעגליך צו באגרייפן, אלץ פאר זייער ריינער און הייליגער ווילן צו בלייבן תורה-טרייע אידן פאר הייליגן באשעפער.

און יעדער נישט אלע קאפיטלען פארמאגן אזא פרייליכע ענדע, ווען אסאך ערליכע לויטערע און ריינע נשמות, קענען נישט ביישטיין די שווערע נסיונות און פייניגונגען און פאלן יעדער צו שמד רח"ל, וואס כל באי' לא ישובון און גאנצע אידישע דורות ווערן יעדער פארפאלן, אין די ציוניסטשע רוחניות'דיגע גאז-קאמערן.

## א גוטן איתי! קענסטו זיך פארשטעלן פאר די ליינער?

מיין נאמען איז איתי חומרי, איך וואוין אין בית שמש. איך בין בלויז ניינצן יאר אלט, און כאטש מיין איבערלעבעניש קען זיך אפשר הערן אומגלויבליך, האט עס פאקטיש פאסירט מיט מיר אליין, און דאס איז אייגנטליך די געשיכטע פון נאך פיל פון מיינע חברים.

## לאמיר צוגיין צום ענין. וויאזוי האט זיך אלעס אנגעהויבן?

עס איז געווען דאנערשטאג נאכט, ערב שבת זכור, אינמיטן די געוועגליכע הכנות צום שבת קודש, ווען פלוצלינג האבן מיר געהערט האסטיגע זעצערייען אויפן טיר. נאך פאר מיר האבן זיך געקענט אריענטירן, האט זיך די טיר געעפנט און 12 פאליציאנטן מיט פארדעקטע פנימ'ער האבן אריינגעשטורמט אין מיין הויז.

מיט קולי קולות האבן זיי צוהאקט די ווענט, ארויסגעטראסקעט דעם אינהאלט פון די שאפעס איבערן גאנצן הויז, און אראפגעשלעפט דעם שבת'דיגן טישטוך וואס איז שוין גראדע געווען געדעקט. בקיצור, אן אמת'ער פאגראם. ווען עס איז שוין נישט געווען וואס צו צעווארפן, זענען זיי גראד צוגעשפרינגען צו מיר, מיך געקייטלט די הענט און ווילדערהייט און ארויסגעפירט צו דער פאליציי-ווען וואס האט געווארט אינדרויסן, באגלייט מיט די דערשראקענע געוויינען און געשרייען פון מיינע היסטערישע געשוויסטער.




מיליטערישע פאליציי קלאפן אויף'ן טיר



די רויבער קערן איבער א הויז אינמיטן די נאכט און שלאגן זיך מיטן טאטען זאל ארויסגעבן זיין בחור



מילטערישע פאליציי אין שטוב מיט די פלעש לייט

זיי האבן זיך אפילו נישט באמיעט צו ענטפערן אויף מיין מאמעס פארצווייפלטע געבעטן אז מ'זאל איר כאטש זאגן וואו אהין מען פירט מיך, נאר טרוקן געמאלדן אז לויטן געזעץ בין איך אונטער ארעסט.

## שוידערליך! האסטו שוין דאן געקענט טראכטן מיט וואס מען באשולדיגט דיך?

דער אמת איז, אז כאטש איך בין געווען שאקירט, איז עס נישט געווען גענצליך אומערווארטעט. דא אין ארץ ישראל לעבט יעדער פרומער בחור אין א פחד אז עס זאל זיך נישט מאכן קיין קאמפליקאציעס, און יעצט מיט די נייע אנטוויקלונגען ווייסט קיינער נישט ווען עס גייט קומען זייער רייע.

## פארוואס זאל א נארמאלער בחור מורא האבן אז מ'גייט אים פלוצלינג ארעסטירן?

עס איז טאקע געפערליך. אין אמעריקע אדער אין יעדע אנדערע דעמאקראטישע לאנד איז דינען אין מיליטער גענצליך בתורת "וואלונטיר" - אונטער נארמאלע אומשטענדן, אבער אין ארץ ישראל, ווי אומדערהערט עס הערט זיך, דארף יעדער בחור פון 18 יאר און העכער דינען אין מיליטער.

ביז 2 יאר צוריק איז נאך געווען דער "מעמד בן ישיבה", וואס אדאנק דעם האבן מיר געקענט לעבן מער וויינינגער רואיג. מיט די נייע אנטוויקלונגען איז עס מער נישט שייך, און עס קומט אויס אז א גרויסער חלק פון די בחורים און יונגעלייט אין ארץ ישראל זענען אונטער אן ארעסט-באפעל!

## דאס מיינט אז די אלע פראבלעמען האבן בכלל נישט עקזיסטירט ביז לעצטנס, ווייל יעדער פרומער בחור האט געהאט א מעמד בן ישיבה?

מען קען נישט זאגן ממש אויף הונדערט פראצענט, ווייל די בחורים וואס זענען נישט געווען אין ישיבה פאר סיי וועלכע סיבה, אדער א בחור אדער יונגערמאן וואס האט געוואלט גיין ארבעטן, האט געקענט האבן פראבלעמען. אבער געווענליך, אויב מען איז געקומען פון א פרומע שטוב, האט די רעגירונג פארמאכט אן אויג; פיל האבן געארבעט אונטערן טיש בעת עס איז געווען פארשריבן אז זיי זענען נאך מכלומר'שט אין ישיבה א.ד.ג.

## און וואס איז מיט א בעל תשובה, אדער איינער פון א צובראכענע אדער שוואכע שטוב?

זיי פלעגן טאקע זיין די מערסטע אויסגעשטעלט צו פראבלעמען, און דער אמת איז, אז מיר זענען נאכאלץ די ערשטע קרבנות בדרך כלל.

## מיר?

צום באדויערן זענען מיר אסאך מער אויסגעשטעלט צום פראבלעם צוליב אונזער תימנ'ער אפשטאם. (נ.ב. ארעסטן קומען טאקע פאר אויך אויף ספרד'ישע בחורים, ווייל זיי זענען נישט ארגאניזירט אין פעסטע גרויסע קהילות פאר וועמען מען זאל מורא האבן אזוי ווי ביי די אשכנזים).

## נישט צום גלויבן! וויאזוי איז טאקע צוגעגאנגען דיין וועג מיט אזא "קעניגליכע" באגלייטונג?

צו זיין אמת'דיג, דאס האט מיך דאס מערסטע צובראכן. עס איז נישט אזוי שווער זיך פארצושטעלן וויאזוי א ניינצן יעריגער ישיבה בחור פילט ווען מען הייבט אים פלוצלינג אויף פון זיין רואיגע לעבן און מען שליידערט אים אריין אין א פארמאכטע ווען ווי א שרעקליכער רוצח, מיט קייטלעך אויף די הענט און א שטרענגע פאליצייאישע באגלייטונג.

כאטש איך האב טאקע געוואוסט אז עס קען פאסירן, האב איך זיך בכלל נישט עכט געראכטן דערויף. איך מיין, עס זענען דא 80 טויזנט פרומע בחורים אין ארץ ישראל מיט אן ארעסט-באפעל; צוליב די אנגייענדיגע פראטעסטן פאר יעדן ארעסטירטן בחור, ארעסטירט מען "בלויז" צווישן 5 און 10 א

וואך. איך האב געטראכט: פארוואס אין דער וועלט זאל עס זיין פונקט איך?!

די קייטלעך זענען אויך שרעקליך אומבאקוועם און מאכן שווער זיך צו באוועגן. די ווען זעט אויס ווי א שטייג, צעטיילט אין צעלן מיט אן אייזערנע נעץ אויף די ווענט. עס איז שרעקעדיג הייס, און אזוי ווי מען מעג גארנישט מיטברענגען, איז נישטא קיין וועג זיך צו פארבינדן מיט דער דרויסנדיגער וועלט אדער באקומען א שלינג וואסער.

בעיקר איז עס א שרעקליכע דערנידערונג צו ווערן געפירט דורך די פאליציי מיט קייטלעך אויף די הענט ווי א פאלנער פארברעכער.

## אין דער אויפנאמע איז כאטש געווען בעסער?

א ביטערער געלעכטער... קודם האט מען מיר געלאזט זיך דערטרינקען אין שוויס נאך אין דער פארמאכטער ווען פאר א שיינע שטיק צייט. ווען מען האט מיך ענדליך ארויסגעפירט, בין איך געווען גענצליך אויסגעטריקנט, פארשווינדלט און בעיקר פאראליזירט פון זארג. עס קען זיין אז דאס איז די סיבה פארוואס זיי לאזן ווארטן אזוי לאנג אין די ווען נאכן אנקומען, כדי מ'זאל נישט האבן קיין כח און מוט, און מען זאל גרינגער קאאפערירן.

מען האט מיך אריינגעפירט אין א קליין צימער וואו עס איז געזעסן א יונגער סאלדאט, און ער האט מיך געהייסן אויסליידיגן מיינע טאשן. מען האט צוגענומען פון מיר אלעס, אריינגערעכנט מיין זייגער און מיינע קליידער, און מ'האט מיר אנשטאט דעם געגעבן די תפיסה-יוניפארם, וואס זענען באמת אלטע איבערבלייבענישן פון אמעריקאנער ארמיי יוניפארמס.

ווען מען האט מיך ארויסגעפירט פון דארט, בין איך שוין געווען גענצליך צעבראכן. איך האב דאן געטראכט אז מן הסתם האבן די אידן אין אוישוויץ אזוי געפילט נאכן באקומען זייער איינגעקריצטן נומער אויפן ארעם - ווען מען פארלירט יעדע מענטשליכע רעכט און באלד פארלירט מען זיך אליינס!

## קענסטו אונז אביסל שילדערן דאס לעבן אין תפיסה?

מער פון די שווערע פיזישע אומשטאנדן, איז עס די גייסטישע דערנידערונג מיט וואס יעדער ריר ווערט באגלייט. 5:30 פארטאגס דארף מען שוין אויפשטיין, און ביז 10 מינוט דארף מען שוין זיין גענצליך גרייט פאר די צופרי-ציילונג.

מען באקומט בלויז געציילטע מינוטן א טאג טעלעפאן-צייט; דאס מיינט אז ס'איז כמעט נישטא קיין צייט צו רעדן צו דער משפחה, און אפילו דאס קען דער אפיציר באשליסן צוצונעמען פאר יעדע קליינע פארלעצונג.

בכלל ווערט יעדע גרופע באטראכט ווי איינס, און א געשלעג צווישן צוויי פרייע ארעסטאנטן ברענגט אויטאמאטיש א שטראף אויף אלע ארומיגע.

אויך מאכט מען גרויסע פראבלעמען צו באקומען סיי וואס פון אינדרויסן. צום ביישפיל, ווען איינער פון די בחורים דא האט זיך געגוויטיגט אין קראטשעס, האבן זיי עס בשום אופן נישט געוואלט אריינלאזן, און עטליכע עסקנים האבן געדארפט שווער ארבעטן ביז ער האט עס באקומען.

## וואס טאקע גיט די כח פאר א יונגן בחור דאס דורכצוגיין?

אין אנהייב האב איך טאקע געפילט ווי איך וועל עס נישט קענען דורכמאכן. די איינציגסטע זאך וואס איז דא צו טון איז קוקן טעלעוויזיע, אזוי אז דאס ליידיגגיין קען ממש אראפפירן פון זינען.

בכלל זענען די באדינגונגען ממש נישט צום אויסהאלטן. עס איז שוין כמעט ענדערש צו שלאפן אן א דאכענע ווי צו נוצן די שטעכעדיגע "סאקדיאסן" (דאכענעס וואס ווערן געמאכט פון א וואלענע קראצעדיגע סחורה; דער נאמען קומט פון דער מחלה וואס ווערט געשאפן פון דעם קראצעניש), וואס מ'שטעלט דא צו. א קישן איז בכלל נישט ערלויבט, און אויך זייף זעט דאס מיליטער אינגאנצן נישט פאר וויכטיג צו געבן. וואשן וועש טוט מען ממש ווי אמאל: מען רייבט מיט די הענט אין א שיסל וואסער. אויך די האלצענע שיך וואס מ'באקומט זענען שרעקליך אומבאקוועם, בפרט ווען מ'דארף שטיין אין דעם א לאנגע צייט ביי די פילע ציילונגען דורכאויס דעם טאג.

דערפאר טאקע קען מען צושרייבן די עיקר קרעדיט פאר מיין ארויסקומען געזונט ברוחניות, בגשמיות ובנפשיות צו צוויי זאכן:

1) די וואונדערבארע "ערשטע הילף" פעקל וואס די ארגאניזאציע "קרן ויואל משה" שיקט אריין פאר יעדן פרומען ארעסטאנט. דאס ענטהאלט אן MP3 פלעיער מיט עירפאונס, ספרים און ביכער, א דעקע, קראקס, שאמפו, זייף, וואש-זייף, א זייגער, און ענליכע נויטיגע באדארפענישן וואס פארגרינגערן זייער שטארק.

2) די וואונדערבארע ארגאניזאציע "קרן ויואל משה" וואס באגלייט די גאנצע פראצעדור צו שאפן דעם ענדגילטיגן פטור. דאס גיט די עיקר מאראלישע שטיצע זיך נישט אונטערצוגעבן צו אלע סטראשונקעס,






די משלוח מנות פאר די בחורים אין תפיסה איך פורים



כלא 10 וואו דער בחור איז געווען ארעסטירט

וויסנדיג אז זיי ארבעטן ביטער שווער פאר מיר און צום סוף וועל איך בס"ד באקומען א פטור.

## וואס הייסט "סטראשונקעס"? באקומט מען נישט דעם פטור גלייך נאכן זיצן אין תפיסה?

אינגאנצן נישט. דער זעלבער בחור קען זיצן אין תפיסה דריי מאל; דער ארעסט איז בלויז די "שטראף" פארן זיך נישט שטעלן באצייטנס, און ווען מ'ווערט באפרייט דארף מען זיך גלייך גיין שטעלן. ווילאנג מען איז נישט מסודר מיט די מיליטער, קען מען יעדע מינוט נאכאמאל ווערן ארעסטירט.

די אפיצירן לייגן אויך אומגעהויערע דרוק; זיי פלעגן מיך כסדר סטראשענען אז איך וועל סיייוי נישט קענען באקומען קיין פטור, איז פארוואס זאל איך זיך אומזיסט פלאגן צו זיצן אין תפיסה און נאכדעם גיין דינען, ווען איך קען עס טאן שוין יעצט?

אויך דרייען זיך דארט באצאלטע יונגעלייט - פיל מאל לײדער אפילו מיט בארד און פיאות - וואס ארבעטן שווער אויף יעדן פרומען ארעסטאנט באזונדער. זיי זאגן צו גוטע באדינגונגען אין א פרומע אפטיילונג אין מיליטער, א ערליכע געהאלט, און נאך. פארשטייט זיך אז זיי טרעפן דיך אייביג אין די שווערסטע מינוטן, און מ'דארף האבן אומגעהויערע כוחות צו בלייבן פעסט.

איינער פון די בחורים דארט האט מיר דערציילט אז ער איז שוין געווען אויפן שוועל פון יאוש און שוין געהאט באשלאסן זיך אונטערצוגעבן, אבער ווען דאס פעקל פון "קרן ויואל משה" איז אנגעקומען צו אים (עס נעמט אמאל עטליכע טעג ביז מען איז מצליח עס אריינצושיקן), האט ער באשלאסן אז אויב אזויפיל אידן פון אינדרויסן זארגן זיך פאר אים, האט ער האפענונג, און ער איז געבליבן שטארק. אבער נישט אלע מעשיות ענדיגן זיך אזוי.

איין יונגערמאן דארט איז געווארן מורא'דיג צונומען נאך א באזוך פון זיין משפחה. ער האט שוין דריי קינדער, און זיין אינגעלע האט זייער שטארק געוויינט אז ער זאל שוין אהיימקומען. פונקט דאן האט זיך איינער פון די באצאלטע יונגעלייט צוגעשלעפט צו אים און אים צוגעזאגט א גרינגע "אויסגעהאלטענע" פרנסה אין מיליטער און א זאפארטיגע באפרייאונג פון תפיסה, אויב ער שרייבט שוין אונטער אז ער גייט נישט פרובירן צו מאכן א פטור נאר ער קומט דינען אין מיליטער. דער צעבראכענער יונגערמאן האט זיך מער נישט געקענט האלטן און האט אנגענומען דעם פארשלאג.

## שוידערליך! ווען ביסטו באפרייט געווארן און וויאזוי איז עס צוגעגאנגען?

איך בין באפרייט געווארן א וואך נאך פורים, נאך 18 טעג פון זיצן אין תפיסה, אריינגערעכנט פורים. יענעם אינדערפרי האט מען מיך אריינגעפירט אין דעם אויפנאם-צימער וואו מען האט מיר צוריקגעגעבן מיינע



בלמ"ס אישי

**אישור רשמי**

| | | |
|---|---|---|
| צבא | ההגנה | לישראל |
| קצינת | פניות | הציבור |
| טלפון: | | 1111 |
| ה' | תמוז | תשפ"ו |
| 20 | יוני | 2026 |

לכל מאן דבעי

הנדון: מעמדך מול רשויות הצבא

1. הריני לאשר כי:

| שם פרטי | שם משפחה | מספר זהות | תאריך לידה |
|---|---|---|---|

פטור משירות ביטחון כללי לפי חוק שירות ביטחון התשמ"ו (נוסח משולב) 1986 מהסיבה:

אי התאמה.

תעודה זו תקפה רק בצירוף לתעודת זהות או לתעודה מזהה אחרת של בעליה.

התעודה מנוסחת בלשון זכר אך מיועדת לשני המינים

**דיעס זאל אין תפיסה**

בברכה,

| | | |
|---|---|---|
| סגן אלוף | | גל כהנר |
| קצינת | פניות | הציבור |

צבא ההגנה לישראל

האתר באמצעות מערכת אמ"ים

בלמ"ס אישי

20/06/2026 21:45:21

מסמך זה מיועד לשימושם של רשויות וגופים מוסמכים, ואינו מיועד לפרסום ציבורי

המסמך מנוסח בלשון זכר אולם מיועד לשני המינים

328214713

די צעטל פון די פטור



פראטעסט ביי די תפיסה אויף די ארעסט פון דער בחור

זאכן און געהייסן אונטערשרייבן די פאפירן. דערנאך האט מען מיך געפירט צום פליגל-הויפט-אפיציר אז ער זאל אונטערשרייבן, און מען האט מיך ארויסגעפירט פונעם ערשטן טויער.

פון דארט ביזן הויפט-ארויסגאנג נעמט בערך 15 מינוט צו גיין צופוס. איך בין געגאנגען גליקליך אבער אויך היבש באזארגט, איבערטראכטנדיג וואס איך וועל נאך אלץ דארפן מיטמאכן ביז איך וועל זוכה זיין צו זען מיין פטור.

קומענדיג נענטער צום טויער הער איך פלוצלינג הילכיגע געזאנגען מיט א חסידישן אקצענט. קודם האב איך זיך געוואונדערט צי מען מאכט א פראטעסט אזוי פרי, אבער קומענדיג נענטער בין איך אנגענעם איבערראשט געווארן אז די גרופע חסידישע אידן זענען גאר אהערגעקומען לכבוד מיר.

איך קען נישט מסביר זיין דאס ווארימע געפיל פון זען ווי אזויפיל אידן זענען גרייט זיך אזוי שטארק אנצושטרענגען פאר מיר, א ווילד-פרעמדער בחור. עס האט מיר געגעבן א ריזיגע דאזע חיזוק און בעיקר פיזישע כוחות צו בלייבן פעסט ביזן ענדגילטיגן פטור בעז"ה!

## און עס איז טאקע געווען אזוי שווער ביז דו האסט באקומען דיין פטור?

זייער שווער! איך מיין, דער שווערסטער חלק איז שוין טאקע געווען הינטער מיר, אבער ביז איך האב געהאלטן מיין פטור אין האנט בין איך געווען באגרעניצט ממש אויף טריט און שריט.

מיט א קרימינאלע רעקארד אויף מיין נאמען האב איך נישט געקענט ערלעדיגן קיין אפיציעלע רעגירונגס פאפירן ווי א לייסענס, ID א.ד.ג. אפגערעדט אז איך האב נישט געקענט ארויספארן פון לאנד, פארפאסנדיג א נאנטע חתונה. הכלל, מיר האבן געלעבט אין א שרעקליכן פחד פון יעדן קלאפ אין טיר. מיינע געשוויסטער זענען נאך געווען גוט טראומאטיזירט (איינע פון מיינע געשוויסטער האבן געדארפט צוקומען צו הילף זיך צו ערהוילן פון די שרעקליכע טראומא!) און האבן געוואוסט אז איך קען יעדע מינוט נאכאמאל ארעסטירט ווערן. און ווען נישט די געטרייע באגלייטונג פון די קרן ויואל משה עסקנים ווער ווייסט צי איך וואלט דאס געקענט ביישטיין.

## אומגלויבליך. וואלטסטו געוואלט עפעס איבערגעבן פאר די אידן ארום די וועלט?

אוודאי. איך וויל זיך גאר שטארק באדאנקען פאר אלע אידן בכל קצוי תבל. איך האב באמת געשפירט די גאנצע צייט ווי אזויפיל אידן שטייען מיט מיר אין מיין נסיון און קוקן ארויס אויף מיין הצלחה. אנגעהויבן ביי דעם פעקל וואס איז באמת געווען הצלת נפשות; די "באנוס" משלוח מנות פעקל וואס האט ארייגעבלאזן א שמחת יום טוב צווישן די



דער בחור ביים זיך באדאנקען פאר זיינע מצילים - מיט דער שר ההצלה ר' בנפין טעפ




די תפיסה פעקלעך

אומעטיגע תפיסה ווענט; די פראטעסטן פאר די תפיסה וואס געבן א געוואלד מיט שטיצע און חיזוק; די הארציגע קבלות פנים ביים ארויסקומען; און בעיקר די כסדר'דיגע באגלייטונג פון דעם ארעסט ביזן ענדגילטיגן פטור מיט פיזישע, גייסטישע און מאראלישע שטיצע. דאס איז באמת דער עיקר כח וואס העלפט אונז דורכשווימען די שטורמישע וואסערן און ארויסקומען שלם בגופו ושלם בנפשו.

זאל אייך הקב"ה באצאלן מיט אלעס וואס איר ווינטשט זיך, און איר זאלט קיינמאל נישט וויסן פון אזעלכע צרות.

## מורא'דיג איתי! א גרויסן יישר כח פארן אונז געבן א קליינעם

**ארייבנליק איבער וואס עס גייט פאר מיט אונזערע ברידער איבערן ים. זאל דער אויבערשטער טאקע העלפן אז עס זאל שוין בקרוב זיין "ומלאה הארץ דעה את ה'", און מיר זאלן זוכה זיין צו א שנת גאולה וישועה אלס שטאלצע סאלדאטן אין הקב"ה'ס ארמיי!**